STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08085

IN FRUME SHO'EN

L. Chanukoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. כאַנוקאָוו

אין פרומע שעה׳ען

מיניאַטורן

ניו יאָרק
1925

COPYRIGHT 1925
by L. CHANUKOFF

אינהאַלט:

אין שאָטן פון ווענט

	זייט
אין גאָלד־ליכט	9
איך פיל אין דיר	10
גיי אַוועק	11
מיר זייַנען אין שניי־לאַנד	12
גיי ניט צו	13
אויף אַ ווייטן פעלד	14
דערציייל זיך אַ מעשה	15
אַ בריוועלע	16
גרוי־אַשיקע שטיינער	17
אין די פינסטערע נעכט	18
ס׳איז האַרבסט	19
אין דייַנע וועגן	20
די נאַכט איז פינסטער	21
עס ליגן פאַרליבטע די בויגנס	22
איך האָב ליך ליב	23
ווי אַן אַלטער	24
ווי וועל איך קומען	25
מ׳האָט מיך אָפגענאַרט	26
לאָז מיך ניט אַליין	27
איך ווייס	28
ווייט אין דער הויך	29
אַ גאַנצן לעבן זוך איך	30
עס האָבן בייזע ווינטן	31
די צייט פרעסט אויף	32
איך בין אַן אַנגעשראָקן קינד	33
געסט	34
שלאָפלאָזיקייט	35

הייליקע פייערן

	זייט
דאָס וואָרט	39
ס׳איז געקומען די שעה	40
אין אַ הערבסט נאַכט	41
דאָס בילד	44
דיין שיקזאַל	48
פאַרציטיקע טעמפּלען	50
אין מאָנאַסטירישע ווענט	52

ליבע

כישוף	57
צו * * *	59
אין די פרימאָרגנס	61
איך זע דיך	63
לאָז מיך קושן דיינע פינגער	65
די וואונדערלאַכע	66
נאָקטורן	67
אין האָטעל	68
אין פרומע פאַרנאַכטן	74
פאַרלאָרענע ליבע	76
פּאַן	80
ביינאַכט	82
די ליבע האָט געוויינט	86
דאָס מייאָל	89
אויפ׳ן גאַס	92
אין דער אָפּערע	96

טויט

מיין גאַסט	101
די נאָנע	104
מיר וועלן שטאַרבן	107
שנאה	108
דער אבל	110
דער טויט, די באַרמהאַרציקע שוועסטער	112

זייט

די געהיימניס — — — — — — — — — — — — 115
מיינע אבות — — — — — — — — — — — — 117
נקמה — — — — — — — — — — — — — — 118
ער וויל ניט שטאַרבן — — — — — — — — — 122
אין דער לעצטער שעה — — — — — — — — — 123
ביים לעצטן ראַנד — — — — — — — — — — 127
לאָזט מיר אייך זאָגן — — — — — — — — — 131

ים

מיין קינד, דער ים איז לעבעדיק — — — — — — — 135
די נימפע — — — — — — — — — — — — — 136
ביים ים — — — — — — — — — — — — — 138
די מלחמה — — — — — — — — — — — — — 141
אויפ׳ן ים־דעק — — — — — — — — — — — 143
ים־געזאַנג — — — — — — — — — — — — — 146

שטיינערנע שוועלן

אין תפיסה — — — — — — — — — — — — — 151
ספעקטאַקל און ליבע — — — — — — — — — 153
אַנטוויגן ווער — — — — — — — — — — — — 156
שטאָט — — — — — — — — — — — — — — 159
די היים — — — — — — — — — — — — — 161
דער וועק־זייגער — — — — — — — — — — — 168
דער שונה — — — — — — — — — — — — — 170
דורך ליכטיקייט און דורך פינסטערקייט — — — — 178
אַ פאַמיליען־קריג — — — — — — — — — — — 180
אין שטיינערנע ווענט — — — — — — — — — — 182

אין שאָטן פון ווענט

אין פרומע שעה׳ען

***

אין גאָלד־ליכט פון זונען איז אונזער טרוים געבאָרן גע־וואָרן.

אין שאָטן פון ווענט וועט ער שטאַרבן.

איך וועל זיך זעצן ביי שטיינערנע פּאָרטאַלן, אַיִיף שוועלן פון שטיין און גראַניט — אויסבייינקען דעם טרויער פון שעה׳ן.

דו וועסט קומען צו מיר אַזאַ צער׳פולע.

וויין ניט. באַהאַלט דיין צער. ניט קלאָג אַרוים דיין טרויער. פאַרבאַרג זיי טיף אין הארצן און פאַרזינגל מיט אַ זינגל.

שטילע, לאָמיר אין שאָטן פון ווענט אונזער לעבן דערטריי־מען.

ל. כאַנוקאָוו׳

* * *

איך פיל אין דיר דעם קוואַל פון ווערטער. גיב זיי ניט קיין אויסדרוק. לאָז זיי שטומען.

ווײַן ניט. רעד ניט. דערצייל ניט.

לאָמיר זעצן זיך אין טיפן ווינקל, אין די טיפע שאָטנס. באַהאַלטן זיך. שווייגן.

טוליע זיך צו מיר, און שוויַיג.

ער וועט אונז ניט דערזעען, דער אומגליק.

ער וועט אונז ניט דערהערען, דער אומגליק.

ער וועט אונז אויסמיידן, פאַרבייגיין.

ער וועט אַוועק פון אונזער הויז צו וויסטע פעלדער אויסקלאָגן זיין הונגער נאָך אונזערע טעג און יאָרן, נאָך אונזער לייב און לעבן.

די וויסטע פעלדער וועלן שווייגן.

די ווייטע הימלען וועלן שווייגן.

וועלן ניט אויסזאָגן.

* * *

גיי אוועק אויף ווייטע שליאכן זוכן רו. ס׳איז דא אזוי פיל רו אויף וועגן. ס׳איז דא אזוי פיל טרייסט.

ווערסטו מיד — זעץ זיך רוען ביים פוס פון א בארג.

קוק זיך צו: דער בארג איז א טעמפל, וואס הויבט זיך צום הימל. דו זיצסט אויף די טרעפ פון א טעמפעל. וואש זיך צום עסן און זאג דיינע תפילות.

גאט וועט דיך בענטשן מיט נאכט. גאט וועט דיך בענטשן מיט רו.

גאט וועט דיך בענטשן.

* * *

מיר זייַנען אין שניי־לאַנד, אין שווייַגנדיקן.

די ערד איז אָנגעטאָן אין ווייַסע תכריכים. בלייַבע שאָטנס דעקן זי איין צו דער נאַכט. טונקעלע וואָלקנס שפּרייטן זיך אויף ווייַסע פעלדער. נאַכט קומט אָן.

די נאַכט קומט אָן. זייַ ניט אומעטיק, מייַן קינד. זייַ ניט דערשראָקן. האָב ניט מורא פאַר דער נאַכט, וואָס קומט אָן. זי וועט אייַנהילן אין שוואַרצע סאַמעט־טוליען אונדזער צימער. זי וועט אונדז פאַרדעקן מיט אַ ווייַכן צודעק. נורע אייַן דייַן קאָפּ אין אירע פאַלדן. טוליע זיך צו איר, ווי צו אַ מאַמען.

זי וועט דיך באַשיצן. זי וועט דיר געבן רו.

דו וועסט אייַנשלאָפן.

***

גיי ניט צו מיר. גיי ניט צו.
דיין פנים איז בלייכער פארנאכט.
דיינע אויגן זיינען טיפער פארנאכט. לאנגע שאטנס ציען זיך פון דיינע ברעמען צו מיין הארצן. מיר איז אומעטיק. מיר איז שווער.
קוק ניט אזוי אויף מיר. ווענד אפ דיין בליק. גיי ניט צו מיר.
דו ביסט אן אנדערע.
איך האב מורא פאר דיינע פארנאכטיקע קושן. זיי סמ׳ען מיין בלוט. איך האב פיינט דיין פארנאכטיקן צערטלען און לאשטשען און קושן— מיר דאכט, איך וועל שטארבן אין דיינע באשאטנטע ארעמס.
מיר דאכט, איך וועל שטארבן...

* * *

אויף אַ ווייטן פעלד שטייט טרויעריק אַן אויסגעקרימטער בוים. לאַנגע יאָרן שטייט ער, אַן אומבאַשיצטער, אַן אומבאַזאָרג־טער. זומער גיט די זון אים צופיל וואַרימקייט און ווינטער גלי־ווערט זיינע צווייגן פראָסט און קעלט.

שטייט דער בוים אַן אויסגעקרימטער און אַ מידער פון לאַנגע לאַנגע יאָרן. וויל אַביסל טרייסט און וויל אַביסל רו.

גיי אַוועק צו יענעם בוים, און קוש די האַרטקייט פון זיין קאָרע. נעם אַרום זיין קאַלטן שטאַם און לאָז אַרויס אַ טרער אויף זיין עלנדקייט. טרייסט אים אין זיין צער.

וועסט אַליין געטרייסט ווערן.

וועסט אַליין געפינען טרייסט.

* * *

דערציייל זיך א מעשה פון דעק פון דעם ים. ס׳איז פאראנען א וועלט אויפ׳ן דעק פונ׳ם ים.

מאך צו דיינע אויגן. וועסט זען: פאלאצן פון פערל קאַראלן און דימענטן. פרעכטיקע גערטנער מיט בלומיקע בייטן, שטעגן באשאטן מיט גאלדענעם זאמד. קאלאנען באפוצטע מיט זעלטענע שטיינער. ריזיקע ביימער פון ריינעם שמאראגד. און גראזן פון אלע קאלירן. און טורעמס פון רייכסטן בורשטין.

אין יענע פאלאצן וואוינען די שענסטע פרינצעסנס פון ים.

קלייב זיך אויס א פרעכטיקן פאלאץ. קלייב אויס א פרינצעסן, און ליב זי און לייד.

מאך צו דיינע אויגן. דערציייל זיך א שיינע, א ליכטיקע מעשה...

* * *

א בריוועלע פון מיין קראַנקער:

„...איך וועל שטאַרבן. איך וועל באַלד שטאַרבן.

ווײל איך דיך בעטן, מיין פריינט: זע, אַז מיין קבר זאָל זיין צווישן בלומען און יונגינקע קוסטעס זשאַסמינען.

איך האָב אַזוי ליב געהאַט בלומען!

און נאָך זאָלסטו ניט פאַרגעסן מיך אָנטאָן אין תכריכים פון ריינסטן, דינסטן און טייערסטן זיידנס. און זאָל זיין קאָליר זיין אַ בלייכער, אַזוי ווי מיין קערפּער, און אַזוי צאַרט, אַזוי ווייך ווי די הויט פון מיינע יונגע און צער׳פולע בריסטן.

נאָך איין טאָג זאָל איך בלייבן מיט דיר אויף דער ערד.

נאָך איין טאָג וויל איך זיין מיט דיר אַליין נאָכ׳ן טויט.

קיינער, אַחוץ דיר, זאָל ניט וויינען יענעם טאָג איבער מיר.

קיינער, אַחוץ דיר, זאָל ניט קושן יענעם טאָג מיינע טויטע גלידער.

קיינער, אַחוץ דיר, זאָל ניט פּוצן מיך אין בלומען.

דו אַליין פאַרבלייב מיט מיר דעם גאַנצן טאָג. צערטל מיך און קוש. שווער מיר דיין אייביקע ליבע.

און אַז עס וועט קומען די נאַכט — טו אָן אויף זיך די טרויער־קליידער און פיר מיך אָפּ צו מיין קבר צווישן בלומען און ווייסע זשאַסמינען.“

***

גרוי־אשיקע שטיינער פארגרויען מיין לעבן. א גרויער גע־רויש יאמערט אויף אין מיין אויער.

בלומען פארלירן קאלירן אין גרויקייט. בלומען פארלירן דעם ריח. טריקענען, טריקענען.

איך קען ניט פארטראגן דעם גרוי־אשיקן יאמער. איך קען ניט פארטראגן די שטיינער.

איך וועל שטארבן. איך וועל אויסגיין אין אשיקן שימער. גיב מיר ליכטיקייט. גיב מיר פארבן. קער אום דעם אָטעם צו די גראזן. קער אום דעם ריח צו די בלומען. גיב מיר פארבן.

גיב מיר לעבן.

ל. כאַנוקאָוו

* * *

אין די פינסטערע נעכט גייט אַרום אויף די פעלדער אַ פרויען־געשטאַלט.

אירע קליידער זיינען שוואַרץ, ווי די נאַכט.

אירע טריט זיינען רוישלאָז און שטיל, ווי די נאַכט.

זי שוועבט איבער טאָלן און קלעטערט אויף בערג, און נישטערט אין גראָזן און קוסטעס.

דאָס זוכט זי פאַרבאָרגענע גראָזן און בלומען, וואָס בליען און לעבן אין נאַכטיקן חושך. דאָס זוכט זי אַ נאַכטיקן כישוף, אַ טויטנדיקן סם.

זי גייט, און בויגט זיך איבער שלאָפנדיקע געוויקסן. און נאָך איר, ווי אַ שומר, גייט נאָך די געהיימנים.

אין איר ברוסט ליגט פאַרבאָרגן אין אַנגסטן אַ סוד.

לאָזט ניט רוען דער סוד.

ווייל עס זיינען פאַראַן אויף פעלדער און בערג און אין קוסטעס אַזוינע פאַרבאָרגענע גראָזן, וואָס טראָגן אַ טויטנדן זאַפט. גראָזן — וואָס זיינען ווי גיפטיקע שלאַנגען.

ווייל עס זיינען פאַראַן אויף פעלדער און בערג און אין קוסטעס אַזוינע פאַרבאָרגענע בלומען, וואָס כישוף'ן נאַכטיקן כישוף.

גייט אום יענע פרוי אין די פינסטערע נעכט, זאַמלט צונויף יענע גראָזן און בלומען, און זעטיקט דעם סוד, וואָס אין האַרצן.

* * *

ס׳איז האַרבסט. ס׳איז אומעטיקער האַרבסט.
פאַרדאַרטע שווייגן מיינע גראָזן, אַטעמלאָזע.
פאַרוועלקטע זיינען מיינע בלומען צוגעפאַלן צו דער קאַלטער ערד און קענען מער פון איר ניט ציען זייער אָטעם.
ווי די גראָזן, ווי די בלומען — קען איך מער קיין טרייסט ניט זוכן אויף דער מוטער ערד.

ל. כאַנוקאָוו

* * *

אין דיינע וועגן וועל איך גייען, אַלטע, אַלטע ערד.
מיט דיר אינאיינעם וועל איך שטאַרבן ווען דער האַרבסט וועט קומען. מיט דיר אינאיינעם וועל איך בליען אינ׳ם פרילינג.
פון די בוימער פאַלן טויטע בלעטער צו דיין ברוסט, ווי שטאַרבנדיקע פויגל.
איך וועל אויך, אַ מידער, פאַלן צו דיין ברוסט, און דורך די לאַנגע ווינטער־נעכט געדולדיק וואַרטן אויף דיין פרילינג.
ווי דיין בלאַט און גראָז און בלום וועל איך צום לעבן קומען.
ווי דיין בלאַט און גראָז און בלום וועל איך געבאָרן ווערן.
ערד מיינע, מוטער מיינע.

* * *

די נאכט איז פינסטער. די נאכט איז קאלט.
אויף דערנער־שליאכן פויזן אום געשטאלטן. זוכן, טאפּן, און קענען ניט געפינען זייער וועג.
ברידער הארציקע, דערבארעמדיקע ברידער, שטרעקט אויס א האנט דעם וואנדערער אין חושך.
ברידער הארציקע. לאמיר נעמען די פאקעלן, די הייליקע פאַקעלן, און גייען אויף וועגן. און אנצינדן פייערן. הייליקע פייערן.
פאר די געשטאלטן, וואס זוכן, וואס טאפּן אין פינסטערניש — לאמיר אנצינדן פייערן.

* * *

עס ליגן פאַרליבטע די בויגנס אויף מיין טיש. קלאָרער פּאַפּיר וואַרט אויף באַרירונג. וואַרט אויפ׳ן צאַרטן באַריר פון מיין פען. בעטן זיך די ליכטיקע בויגנס:

— פאַרטרוי אונז דעם צער פון דיין לעבן. פאַרטרוי אונז דיין סוד. פאַרטרוי און באַשייד. מיר ווילן דיין וואָרט און דיין בייַנקשאַפט, ווי עס ווילן די וויסטע פאַרלאָזענע פעלדער פון מהבר באַלעבנדיקע זאַמען. ווי עס ווילן די שטום־פאַרלאָזענע פעלדער — געבערן.

עס רופן אין האַרצן באַגערן צו ווייסע וואַרטנדיקע בויגנס. אַ קלאָרע, אַ ליכטיקע תאווה גייט אויף, ווי אַ זון איבער שניי־ווייסע פעלדער.

— וואַנדערער, גוטער, פאַרטרוילאַכער וואַנדערער, באַטרעט אונזער פלאַך מיט דיין פוס. לאָז איבער אַ צייכן פון טריט אויף די צער׳פולע בענקנדיקע פלאַכן. לאָז איבער אַ צייכן פון לעבן... מיר וואַרטן, מיר גאַרן דיין קומען!

געבענטשט איז דער צאַרטער באַריר פון מיין פען איבער שניי־ווייסע בויגנס. געבענטשט איז מיין קומען.

* * *

איך האָב דיך ליב. איך היט אָפּ דיין היילִיקייט. איך וואַך איבער דיין אומשולד. איך היט אָפּ, ווי מיין לעבן, דיין מיידל־שאַפט.

איך האָב ליב צו אָטעמען די לופט, וואָס האָט באַרירט דיין יונגן קערפּער. איך האָב ליב צו שוועבן דאָרט, וואו עס האָט גע־שוועבט אַמאָל דיין געטלאַכער געשטאַלט.

אַלץ אין דיר איז פרימאַרגנדיק, יונג. עס שמעקט פון דיר מיט פרילינג, מיט פרימאָרגן, מיט טויאיקע גראָזן.

איך האָב דיך ליב.

ל. כאַנוקאָוו

* * *

ווי אַז אַלטער צו אַ יונגן, זאָג איך צו זיך:
ביסט אַ קינד פון דער ערד. פון דער אַלטער און אייביקער ערד. איר מזל איז דיין מזל. איר שיקזאַל איז דיין שיקזאַל. אין דייענ בלוטן פליסט איר לעבן, איר דערפאַרונג.
טראָג אונטערטעניק איר בענטשונג — דיין לעבן. האָב ניט מורא. פאַרטרוי זיך איר שיקזאַל — דיין שיקזאַל. זי איז מיט דיר. אומעטום וועט דיר גרייכן איהר ברכה.
אַז דיר וועט שלעכט זיין: ניט שריי און ניט שילט.
פאַל צו איר ברוסט און זאָג, ווי צו אַ מאַמען:
— מאַמע מיינע, ערד מיינע, באַהיט און באַשיץ דיין פאַרוואָגלטן זון. מיר איז שלעכט אויף גאָט'ס וועלט. מיר איז שלעכט...
זי וועט דיך באַשיצן. זי וועט דיך באַהיטן.
די מאַמע.

* * *

ווי וועל איך קומען צו מיין מאמען ?
וואס וועל איך זאגן מיין מאמען ?

מיין אויג איז פינסטער. מיינע בלוטן — קאלט. אין די קנייטשן פון מיין שטערן שלענגלען זיך פארבארגענע דמיונות. אויף מיין פנים רוט א קאלטע שנאה צו דער וועלט.

ווי וועל איך מיט פינסטערניש באגעגענען מיין מאמעס ליכ־טיקייט ?

ווי וועל איך, א קאלטער, שטעלן זיך פאר דער מאמעס וואַ־רימקייט ?

אז איך האב אלע אירע ברכות, ווי א שטויב צעזייט אויף מיינע וואגלדיקע וועגן, און אויף דעם הויקערדיין רוקן געבראכט אן אייביקע, א שרייענדיקע קללה.

ווי וועל איך קומען צו מיין מאמען ?
וואס וועל איך זאגן מיין מאמען ?

***

מ׳האָט מיך אָפּגענאַרט. מ׳האָט מיך באַליידיקט. מ׳האָט מיך נעמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר פרעמדע זינד און פרעמדער אומרייניקייט.

שוועסטער מיינע. מאַך צו די לאָדן פון מיין פענסטער. פאַרהיינג זיי מיט אַ שווערן פאָרהאַנג. איך וועל צומאַכן די אויגן.

איך וויל נישט זען די וועלט. איך וויל נישט הערן אירע קלאַנגען. איך וויל נישט שפּירן איר לעבן.

לייג צו דיין האַנט צו מיין אויפגעפלאַמטן שטערן.

מיר איז שווער. מיר איז זייער שווער.

* * *

לאַז מיך ניט אַליין. זײַ לעבן מיר אַ ווײַלע. איך האָב נאָך ניט אַלץ דערציילט. ניט אַלץ געקענט דערציילן.

אפשר וועל איך קענען אויסריידן דאָס ערשטע וואָרט. דאָס שווערסטע — עס זאָל זיך קענען עפענען פאַר דיר מײַן האַרץ, און דאָס באַהאַלטענע זאָל מער קיין סוד ניט זײַן.

(וויפל ווערטער דאַרף אַ מענטש זאָגן — צו זאָגן אַלץ? איין־איינציק וואָרט: דאָס ערשטע וואָרט.)

איך וועל ריידן. און דו — שווײַג. לאַז אַליין דעם סוד זיך שטעלן צווישן מיר און דיר. און וועט אונז דערווײַטערן — וועט עס זײַן — אויף אייביק. און וועט ער אונז פאַראייניקן — וועט עס שוין זײַן אויף אייביק.

צוויי וועגן: — צו גליק און צו אומגליק.
לאַז דעם סוד אַנטשיידן.

***

איך ווייס: דו האָסט געוואָלט מיר עפּעס זאָגן.
זיי זאָגן אַלע: — כ'בין אַ שווייגער. כ'האָב זיך איינגעשלאָסן אין די פיר ווינקלען פון מיין וועלט. כ'האָב דערווייטערט זיך פון דעם, פון יענעם. כ'קוק מיט בייזע בליקן אויף די נאָענטע און ווייטע. כ'בין געוואָרן עגאָצענטריש און פאַרדאָרבן...
אמת. ס'איז אמת.
איך ווייס: האָסט געוואָלט דאָס זעלביקע מיר זאָגן. האָסט אָבער ניט געקענט. האָסט רחמנות געהאַט. האָסט מיט טרערן און ווייטיק פאַרבאָרגן דאָס אין דיין האַרצן, און געוואָלט, אַ שווייגנ־דיקע, אוועק.
אַך, ניט גיי אַוועק. איך דאַרף דיך האָבן.
איך דאַרף דיך האָבן...

***

ווייט אין דער הויך דערהייבט זיך דער שטאָטישער בית־עולם.
קברים און מצבות. היים פון טויט.
קעניגן ליגן פאַרשאָטן, און שווייגן.
פרינצן און יונגע גרינצעסנס ליגן מיט געקרייציקטע הענט
אויף די ברוסטן, ווי הייליקע.
וועלטן געשטאָרבענע רוען אין דער ערד.
פייערן אויסגעלאָשענע רוען אין דער ערד.
ברידער הארציקע, און ליבנדיקע שוועסטער. לאָמיר ברייג־
גען בלומען און באַפּיצן אַלע קברים.
לאָמיר אויפשטיין אין פרימאָרגנס יעדן פרילינג, און פאַר־
זייען אויף די קברים פיל־קאָלירנדיקע בלומען.
וועט אוועק דער אומעט פון דעם פעלד מיט קברים.
ס׳וועט וואַכן איבער׳ן טויט — דאָס לעבן.

ל. כאַנוקאָוו

* * *

אַ גאַנצן לעבן זוך איך עפּעס — און איך ווייס ניט וואָס. עס בייִנקט מייִן האַרץ נאָך עפּעס — און קיינמאָל ווייס איך ניט נאָך וואָס.

האָב איך עפּעס ווען פאַרלאָרן?

האָט מיך אימיצער ווען באַרויִבט?

אפשר ליגט אַן אוצר וואו פאַר מיר באַהאַלטן — און איך ווייס ניט וואו?

אפשר זיינען רייכטימער פאַר מיר פאַרגרייט ערגעץ אין אַ לאַנד אַ ווייטן, און איך ווייס ניט ווי דעם וועג אַהין געפינען?

אפשר האָב איך ווען אַ פרייִנט געהאַט, אַ נאָענטן, אַ גוטן, וואָס איז פון מיר אַוועק אויף אייביק, — בייִנקט מייִן האַרץ נאָך פרייִנטשאַפט, נאָך אַ גוטן וואָרט?

דעם גאַנצן לעבן זוך איך און איך ווייס ניט וואָס.

דעם גאַנצן לעבן בייִנק איך, און איך ווייס נאָך ניט נאָך וואָס...

* * *

עם האבן בייזע ווינטן צושפרייט מיין גליק אויף אלע וויסטע וועגן, ווי א לייכטן שטויב. זוך איך און איך קלייב א שטויבל נאך א שטויבל. קלייב און קלייב...

אין ליכטיקייט פון טאג און אין דער פינסטערניש פון נאכט — קלייב איך א שטויבל נאך א שטויבל — און דאס גליק, וואו איז דאס גליק?

אויף ווייטע שליאכן איז צושפרייט אין שטויבעלאך מיין גליק.

אין די אויגן טונקלט שוין פון זוכן.
די אויגן ווערן בלינד.

* * *

די צייט פרעסט אויף די צעלן פון מיין קערפּער. טריקנט אוים דעם מארך פון מיינע ביינער.

גייט דורך א רגע — און שטעמפּלט אָפּ איר גאנג אויף מיין גאנצן לעבן. לייגט א קנייטש אויף מיין נשמה.

איך ווער עלטער, עלטער.

עס גרויען מיינע האָר. עס בויגט זיך צו דער ערד מיין שלאנ־קער קערפּער. עפּעס שטרויכלט מיינע טריט.

איך קען די צייט ניט אויסמיידן און באהאלטן זיך פון איר אייביקער באַרירונג.

ווען איך שטאַרבן — לאנגזאם אויסגיין אין אירע רחמנות'־לאָזע אָרעמס.

***

איך בין אַן אַנגעשראָקן קינד.

איך האָב מורא, און בין דערשראָקן. און איך ווייס ניט פאַר וועמען איך האָב מורא און פאַרוואָס איך בין דערשראָקן.

איך האָב מורא פאַר יעדער פינסטערניש און פאַר אַלץ, וואָס איך ווייס ניט.

אימיצער האָט מיר אין מיין קינדהייט געזאָגט, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַן אַלמעכטיקער, וואָס ציילט מיינע קינדערשע זינד. אימיצער האָט מיך אַנגעשראָקן מיט זיין צאָרנדיקייט און בייזקייט, און אימיצער האָט געזאָגט, אַז איך בין זינדיק.

בין איך אויף אייביק דערשראָקן.

ווי אַ קינד, וואָס האָט מורא פאַר פינסטערניש — אַזוי האָב איך מורא פאַר דעם, וואָס איך ווייס ניט.

אויף אַלע מיינע וועגן הערשט אַ טויטע פינסטערניש: ווי וועל איך די זינד אויסמיידן?

איך מאַך אַ טראָט און — ווער געשטרויכלט.

איך מאַך אַ טראָט, און פאַל.

אַז איך גיי — שטרעק איך פאַרויס מיינע ציטערדיקע הענט, ווי אַ בלינדער, און טאַפּ און זוך, און האָב מורא.

אָך, איך בין אַ קינד, און ווייס נאָך ניט ווי אויסצומיידן זינד. האָב איך מורא פאַר אימיצן, וואָס האָט קיין גרעניץ צו זיין צאָרן.

בין אַ דערשראָקן קינד.

געסט

געסט קומען. זאָל דיין בליק ניט זיין פאַרטרויערט. זאָל זיך שפּיגלען פרייד אין דיינע אויגן.

פון ווייט און אומבאַקאַנט, איבער שליאַכן נענען זיך די געסט — צו אונזערע געצעלטן.

זיי וועלן קומען, און ברענגען פריידן, זיי וועלן קומען, און ברענגען דעם יום־טוב.

לאָמיר אָפּוואַשן די שוועלן פאַר די אויפגעלייגטע געסט. לאָמיר זיי באַגעגענען מיט ריינע שוועלן און אָפענע טויערן.

לאָמיר זיי באַגעגענען מיט גוטע רייד:

— קומט אַריין אין אונזער לעבן. ווי אַ נשמה אין אַ גוף — קומט אַריין אין אונז. בלייבט מיט אונז.

ברענגט אַריין דעם יום־טוב מיט אייער יום־טוב׳דיקייט. טיילט אונז איין די פרייד פון אייער פריידיקייט. גיט אונז יום־טוב.

און עס וועט זיין יום־טוב.

לאָמיר אָפּשאַוון די שוועלן און רייניקן אונזער געצעלט פאַר די געסט.

שלאָפלאָזיקייט

...איך קען שוין ניט אַנשלאָפן ווערן.

מיינע אויגן זיינען צופיל אָפן, און מיין מאַרך — איז ליכטיק.

קען איך ניט דאָס ליכט פון די געהירן אויסלעשן און פאַר־קלענערן דעם בליק פון מיינע אויגן.

איך זע ניט מיין צימער, און קען די ווענט ניט זען, און וויים ניט צי עס איז נאָך דאָ אַ באַלקן איבער מיר. איך וויים ניט.

עס זיינען אין ערגעץ פאַרשוואונדן די ווענט, און ווייטקייטן נאָך ווייטקייטן, גרויע און פינסטערע, ווי אַ געוועב פון גרוי־און־שווארצע פלעקן האָבן זיך פאַר מיר געעפנט און האָבן זיך באַהעפט מיט מיין אויג און מיט מיין צימער.

עס איז ניטאָ קיין דאַך און קיין באַלקן. גרויע און פינסטערע האָבן זיך געעפנט די הימלען, און נאָר איך בין דאָ.

איך בין דאָ.

אַן אומגעהייער גרויסער, כאָפּ איך אַרום די גאַנצע וועלט. אַ מורא׳דיקער, פיל איך אָן די רוימען און ווער דערשטיקט אין דער ענגקייט, וואָס איך אַליין באַשאַף.

עס לויפן דורך מיין קאָפּ מיט אַ מורא׳דיקער שנעלקייט — מיין לעבן — און — די וועלט.

איך — און — די וועלט.

איך. איך.

ל. כאַנוקאָוו

ווי זאָל איך די ווענט פון צימער אויפשטעלן, אָפּרייסן פון וויטקייטן מיין בליק, און פאַרגעסן זיך אין ענגקייטן פון צימער?

איך ווייס: די וועלט שלאָפט שוין. קיינער שפּירט שוין ניט די סודות פון דער נאַכט, קיינער פילט שוין ניט דעם סוד, וואָס שוועבט אויף אַלץ, ווען אַלע שלאָפן.

אַ בייזע קללה הענגט איבער מיין קאָפּ. מיר איז ענג. מיר איז שווער. איך קען ניט אויפשטעלן צוריק די ווענט פון צימער און פאַרשטעלן מיט אַ דאַך דעם גרויען הימל איבער מיין קאָפּ, און זיך פאַרקלענערן מיט דער קליינקייט פון מיין צימער.

עס איז מיר ענג און שווער און עס איז ניטאָ קיין לופט אין דער ברייטקייט פון מיין וועלט. איך וואַרף זיך אויף מיין געלעגער, ווי אַ חולה. עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר דער שלאָף, שוועבט אום אין די גרויע הימלען, ווי אַ פויגל, און לאַכט איבער מיין אומרואיקייט, איבער מיין שרעק.

טראַכט איך:

אייביק וועל איך ליגן אין מיין בעט און ניט קענען אויפשטעלן צוריק די ווענט, דעם באַלקן און דעם דאַך. און זיך פאַרקלענערן מיט דער קליינקייט פון מיין צימער. אייביק וועט שוין זיין אַזוי.

אייביק...

הייליקע פייערן

דאָס וואָרט

וואָס וועל איך זאָגן ביים משפּט ?

דער גרויסער משפּט וועט דאָך קומען. וועט דאָך מוזן קומען— איבער זיי און איבער מיר.

וואָס זאָל איך זאָגן ? דאָס וואָרט, דאָס ריכטיקע, איז דאָך נאָך ניטאָ ! נאָך ניט געפונען.

אַנטקעגן מיר זיינען אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס בעטן זיך רחמים :

— זאָג דאָס וואָרט, און באַפריי !

— זאָג דאָס וואָרט, און לייז אויס !

ווי וועל איך זאָגן דאָס וואָרט, דאָס ניט געפונענע ?

שטייען מיליאָנען פרעגענדיקע אויגן קעגן מיר. קלאָגן מיליאָנען בעטנדיקע הענט פאַר מיר :

— זאָג דאָס וואָרט, און ראַטעווע !

— זאָג דאָס וואָרט, און ראַטעווע !

און דאָס וואָרט איז נאָך ניטאָ. נאָך ניטאָ !

וואָס וועל איך זאָגן ביים משפּט ?

ל. כאַנוקאָוו

ס'איז געקומען די שעה

ס'איז געקומען די שעה, מיינע ברידער.
איך רוף אייך:
— קומט צו דעם לאַנד פון איין־איינציקן, אין'ם לאַנד פון אַלמעכטיקן פּאַן. קלייבט זיך אַלע צוזאַמען — פון מזרח און מעריב, פון צפון און דרום — צום טעמפּל פון איינציקן פּאַן. קלייבט זיך צוזאַמען פאַר זיינע ביינאַכטיקע שוועלן, און שטעלט אויף אין פאַרכטיקן ציטער מזבחות.
ס'איז שוין געקומען די שעה. די שעה פון מיסטעריעז.
פון פינסטערע וועלדער וועלן געשטאַלטן באַגריסן מיט פרייד אייער קומען. מחנות פון גנאָמען, און עלפן, און פאַוונען וועלן זיך שטעלן אין הייליקער פאַרכטונג פאַר אייערע נאַכטיקע תפילות. און ער, דער איין־איינציקער, וועט צו אייך קומען פון נאַכטיקע הויכן. פון באַרגיקע וועלדער וועט ער צו אייך נידערן. פון טאָליקע וועלדער וועט ער צו אייך גרייכן. און קומען.
און איר, די געבויטע אין רייען, ברענגט די קרבנות. אַ קרבן פאַר יעדער מזבח. און זינגט אַ ביינאַכטיקע תפילה.
ער, דער איין־איינציקער, וועט אייך דערהערן.
ער, דער איין־איינציקער, וועט אייך דערלייזן.
בויגט זיך אין פאַרכטיקן ציטער צו זיינע שוועלן און ברענגט מיט געזאַנג די קרבנות.
ס'איז געקומען די שעה פון מיסטעריעז.

אין אַ הערבסט־נאַכט

...עס פייפט דער ווינט און יאָמערט. עס בילן די הינט אין דער פינסטערקייט אַריין, און וואָיען און וואָיען .. צום טאָג וועט זיין אַ רעגן. ער וועט גיסן ביז אין שפּעטער נאַכט אַריין.

ער וועט גיסן. ער וועט גיסן.

האָב ניט מורא פאַר די ווינטן. האָב ניט מורא פאַר די הינט, וואָס בילן אין דער נאַכט אַריין, און שרעק זיך ניט פאַר זייער וואָיען. עס איז הערבסט — מוז גיין אַ רעגן, און וואָיען דער ווינט, און בילן די הינט...

שרעק זיך ניט. שטיי אויף פון דיין געלעגער. צינד אָן אַ ליכט און קוק אַרום איעדן ווינקל פון דיין צימער. פּרואוו די שטאַרקייט פון די ריגלען אויף דיין טיר און אויף די פענסטער, און מאַך צו פעסט די אינווייניקסטע לאָדן, וואַרף אַריין אַביסל קוילן אין קאַמין, און קוק, אַ שווייגנדיקער, אויף די רויטע, גרינע פלאַמען. זיץ און קוק. פאַרנעם דעם קנאַקן פון די קוילן — און שווייג.

שווייג אַ שעה און צוויי און דריי, און גיי שוין מער ניט שלאָפן.

אָבער זאָלסט ניט וואַרטן אויף דעם מאָרגן, וואָס וועט סיי ווי קומען, און ניט טראַכטן — וואָס דער נייער טאָג וועט ברענגען. אַלץ איז שוין פון אייביק אָן פאַרזאָרגט, און דאָס פאַרשפּראַ־

בענע — וועט קומען. דאָס פאַרשפּראָכענע וועט סיי ווי מוזן קומען...

אין די גרעניצן פון דיין צימער ווער א גאָט אַן איינגעשלאָ־סענער. א פאַרבאַהאַלטענער. ביי דעם פייער פון דיין קאמין — ווער א כישוף־מאַכער.

ווען דו וואַרפסט אין פייער שטיקער קוילן זאָלסטו וויסן: גאַנצע וועלטן וואַרפסטו אין דעם גיהנום פון פייער. ווען עס קנאַקט און רוישט און זשיפּעט, ווי א שלאַנג, דאָס פייער, זאָלסטו וויסן: דאָס איז דער כח פון דיין כישוף: — די פלאַמען זיינען שוין ניט פלאַמען. די פלאַמען זיינען בייזע שלאַנגען, גרינע, געלע, רויטע, מיט לאַנגע רויטע, געלע, גרינע צינגער, שפּיציקע, ביים סוף צעשפּאָלטענע, פאַרצווייגטע, וואָס ציען זיך, ציען זיך...

שטעל זיך אויף די קני, אַלמעכטיקער מכשף, רוק זיך נעענטער צום פייער צו, און בלאָז אריין דיין אָטעם אין די גליענ־דיקע קוילן — וועסטו אויפשרעקן די שלאַנגען...

דו וועסט זען זייער שרעק — און וועסט לאַכן, לאַכן בייז און ניפּטיק, ווי א כישוף־מאַכער... אין דיין אָטעם וועט זיי שרעקן, רעגן, און ציטערנדיקע, אַנגסטיקע, וועלן זיי זיך רייסן, וועלן לויפן, פליען, שרייען און ניט קענען פון'ם גיהנום דעם וועג געפינען...

און דו — וועסט בייז און גיפטיק לאַכן מיט די ווייסע צייי־נער קעגן דער נעסט פון דיינע שלאַנגען.

דו וועסט לאַכן בייז און גיפטיק. דו וועסט קייכן.

וויים: דיי גזרעניצלאָזער ווילן האָט די וועלט אין פלאַמ־פייער־דיקע שלאַנגען פאַרוואַנדלט. איז געוואָרן דער גיהנום — דיין ממשלה, און דו — א גאָט פון האַס און צאָרן!

אין פרומע שעה׳ען

אזא זאלסטו/ די גאנצע נאכט פארבלייבן ביי דיין פייער.
ביז דער ווינט וועט אויפהערן צו רייסן דיינע לאדן, און, איינגע־
שטילטע, וועלן אלע הינט זיך אומקערן צו זייערע קאנורן, רוען.
נאך א גאנצער נאכט פון וואיען מיט׳ן ווינט. נאכדעם זאלסטו
זיך לייגן אויפ׳ן בעט און שטומען מיט דאס שטומען פון דעם
איינגעשטילטן ווינט און שווייגן מיט׳ן שווייגן פון די מידע הינט.

ליג און שווייג. און טראכט ניט — וואס עס גרייט דער
מארגן. נאך א נאכט ווערט טאג געבארן. נאך א טאג — די נאכט.
אט דאס, וואס מוז — וועט סיי ווי סיי געשען.

שווייג, און האב ניט מורא.

דאָס בילד

איך ווייס ניט וואו איך האָב צום ערשטן מאָל דאָס בילד געזען. אפשר איז דאָס נאָר געווען אַ חלום, וואָס איך האָב אין מיין קינדהייט נאָך געזען. און אפשר איז עס גאָר אַ סוד, וואָס די יוגנט האָט מיר איינגערוימט אין אויער.

(ווער ווייס — פ ו ן ו ו א ַ נ ע ן דאָס איז צו מיר געקומען און פ אַ ר ו ו אָ ס דאָס פאָלגט מיך נאָך דעם גאַנצן לעבן?)

פאַרמאַך איך נאָר די אויגן — זייען זיך פאַנאַנדער ווייס־בלויליכע טומאַנען אין מיין דמיון, און עס רוקט זיך אָן אַ שוואַרצע נאַכט, אָן שטערן, אָן לבנה. אומענדלאַך איז איר טיפקייט און אָן אַ ברעג איז איר ווייטקייט. און מ׳קאָן ניט זען וואו עס שליסן זיך די רוימען מיט די הימלען, וואו עס לאָזט זיך אוים מ י י ן ו ו ע ל ט און וואו עס הויבט זיך אָן אַנדערע.

און עס הערשט די נאַכט. פינסטערניש און שווייגן. לעריייט און שווייגן. און גאָר אונטן, ערגעץ אין דער נידער, איבער אומ־זעבאַרע וועגן, איבער בערג און טאָלן, איבער פעלזן — קריכן אום געשטאַלטן, בלאָנדזשען אום און וואַגלען, יאָגן זיך, שטייען אויף און פאַלן, פאַלן...

אָבער סודות׳דיקע, ציען זיך מחנות׳ווייז אַלץ פאָרויס, פאָריום, די נאַכטיקע געשטאַלטן, פאָרויס אַהין, אין דער ווייטער

טיפקייט, וואו עס ברענט א פייער מיט א קליינעם פלאם. שטייט און ברענט. שטייט — און רופט צו זיך, שטייט און פינטלט, ווי אן אויג, שטייט — און ווינקט.

און זיי — גייען, די מחנות. פינסטערע, ווי אליין די נאכט, רוקן זיי זיך, ווילן ניט, פאר׳עקשנ׳טע, זיך אפשטעלן. רויען נים. כאפן ניט אפ דעם אטעם. און ווענדן ניט די אויגן אפ פון ווייטן פייער.

זיי גייען — און איבער זיי וויגט זיך עפעס אין דער לופטן, אין די רוימען, צווישן ערד און הימל. וויגט זיך, הויבט זיך אויף און לאזט זיך אראפ. פארשפרייט זיך לייענגער, ברייטער, ווי א וואלקן — שווארצע פויגל!

שווארצע פויגל פלאטערן און דרייען זיך, און קראקען:

— קרא־הא־א! ...

איבער די מחנות גייענדיקע — קרא־אהא! ...

און אט איז אויף מיין בילד אן אלטער, אן איינגעהויקערטער, אן איינגעבויגענער צום שטעקן, קלעטערט ער מיט אלעמען צוגלייך — און שטעלט זיך אפ. דער שטעקן פאלט פון האנט ארויס, און ער, א מאכטלאזער, פאלט אום צו דער ערד. פאלט, און זיין לעצטער אגאנישער רוף כארכלט צום הימל:

— קינדער, גייט פארויס, צום ווייטן פייער. נאך יעדן אריבערגעקראכענעם פעלז — ווערט איר נעענטער צום פייער. ווי אדלערס, איבער בערג און איבער טאלן, גייט פארויס צום ווייטן פייער! ... נעענטער צום פייער...

איך זע: עס הויבן אן די קראען קרייזן איבער אים. איך הער: עס הויבן אן די קראען קראקען: קרא־א־הא! ... קרא־א־הא! ...

איינער, אַ יונגער, כמעט אַ קינד, הויבט זיין פינגער אין דער הויך און זאָגט דערשראָקן:

— קראָען... זעט: קראָען...

ענטפערט אימיצער, שטיל און צער׳פול:

— רוף ניט אַז זיי ביים נאָמען, די שוואַרצע פויגל, וואָס דרייען זיך און שרייען אין דער לופטן. זיי האָבן מיינע ברידער, די געפאַלענע, די אויגן אויסגעפיקט, און אויף דער ברייטער סטעפּ דעם געביין פון זיי צוטראָגן. ווענד ניט אַז דיין בליק אויף זייער פליען. מאַך צו די אויגן — און ניט קוק...

און די קראָען קראַקען:

— קראַ־אַ־האַ! קראַ־האַ!...

אימיצער שרייט אויס אין אַנגסטן:

— איך קען ניט הערן דעם געשריי פון שוואַרצע פויגל... איך קען ניט גיין.

— אַפּגענאַרטע, וועלן מיר זיך שטעלן אַט־אָ־דאָ, אין מיטן וועג, און זיך ניט רירן.

— מיר ווילן מער ניט גיין!...

— און ניט וואַגלען...

— און שטאַרבן אין מיטן וועג...

— אַ פלוך צו די פאַרפירער!...

— אַ פלוך!

— אַ פלוך!...

— טויט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין פרומע שעה׳ען

אָ, גאָט אין הימל! מיין האַרץ איז מיר דערשראָקן. מיינע הענט ציטערן. איך קען דאָס בילד ניט זען! אָ, גאָט אין הימל, גאָט אין הימל!...

עפן איך די אויגן אויף, און גיי אַזוי אַרום, אַן אויפגערעג־טער, איבערן צימער הין־און־צוריק און טראַכט און טראַכט:

— אָ, גאָט, אָ, גרויסער גאָט! וועלן זיי אַמאָל דערגייען? וועלן זיי אַמאָל דערגייען?...

דיין שיקזאַל

גייסט אום פארנאַכטן מיט הענט פארגליווערטע הינטער זיך,
און קענסט קיין אָרט אין צימער ניט געפינען.

דורך די אָפענע פענסטער קריכן שאָטנס אין דיין צימער, דורך
די אָפענע פענסטער קריכט די נאַכט, אַ פינסטערע, ווי דיין שיק־
זאַל.

אָבער זאָל דיין שיקזאַל דיך ניט שרעקן. ס'איז דאָ אַ שלאָס
פאַר יעדן סוד, און ס'איז דאָ אַ שליסל צו אַ יעדן שלאָס.

ריים אַראָפּ דעם זיגל איבער דיין פארשלאָסן לעבן און עפן
אויף דעם סוד פון סודות — און פארגעס זיך אין כישוף.

דאַרפסט נאָר כישופ'ן. דאַרפסט נאָר שאַפן וואונדער. דאַרפסט,
ווי אַ גאָט, דעם נס באַשאַפן.

ליגסט דורך נעכט אויף דיין געלעגער, וואַרפסט זיך אין קאָש־
מאַרן, ווי אַ געפּענטעטער, און קאָנסט ניט לויז ווערן פון דיין גע־
בונדנקייט?

דאָס האָט דיין סודות'דיקער שיקזאַל דיך פארפלאָנטערט.

קעמף ניט. ליג אַ רואיקער.

דו האָסט דיין פיינט נאָך ניט דערקאָנט, און ניט באַנומען
אין זיין גרוים. האָסט ניט אָפּגעמאָסטן זיינע כחות.

האָסט ניט אָפּגעמאָסטן זיינע כחות.

שטיי אויף, א רואיקער פון דיין געלעגער. טראָג אַ שמייכל אויף דיין פּנים. נאָר אַפּ די שאָטנס, גיי אוועק אין מיטן פון אַ וואַלד און טו דיין כּישוף.

לייג צונויף פון טרוקן האָלץ אַ פייער. הייבּ אויף אַ טאָפּ מיט ריינעם קוואַל־וואַסער איבער יענעם פייער און וואַרף אין אים אַריין אַ הויפן גרינע בלעטער פון דעם בוים, וואָס וואַקסט פאַר־באָרגן אינ׳ם וואַלד, וואַרף אין אים אַריין אַ הויפן ווילדע וואַלד־גראָזן און אַביסל ברוין־ווייסע וואָרצלען פון יונגינקע וואַלד־ביי־מעלאַך.

וואַרט אַפּ אַ רגע.

פון יענעם כּישוף־געקעכץ וועט זיך אָנהייבן שלענגלען אַ בלויאינקער רויכל.

ווענד ניט אַפּ דיינע אויגן! ווער דער גאַנצער אין רויכל! פאַרליר ניט יענע גרויסע רגע! דאָס איז דער שליסל!

דאָס איז דער שליסל!

פונ׳ם רויכל גייט אויף, אַ באַפרייטער, דיין שיקזאַל. טו אַ קוק: ער אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר! הער זיך איין: ער דערציילט דיר! ער ווייזט זיך דיר אין בילדער, געשטאַלטן און ווערטער!

לאָז ניט פאַרביי די מינוט. מעסט אַפּ זיינע כּוחות. פאַרמעסט זיך!

און אַז אַלץ וועט פאַריבער — גיי אַ רואיקער, צו דיין גע־צעלט: דו וועסט אַלץ שוין ווייסן. דו וועסט אַלץ שוין קענען.

ל. כאַנוקאָוו

פאַרצייטיקע טעמפּלען

לאָמיר גיין אין אַלטע פאַרצייטיקע טעמפּלען, צו הייליקע אַל־טע אַלטאַרן.

ברידער מיינע, גאָטפאַרכטיקע ברידער.

אין אַלטע פאַרצייטיקע טעמפּלען ברענט נאָך דאָס ליכט אין די לייכטער.

אין אַלטע פאַרצייטיקע טעמפּלען צאַפּלט און ציטערט דאָס הייליקע ליכט. ווארפט טונקעלע שאָטנס אויף שימלדיקע, שטיינ־קאַלטע ווענט. און רופט צו די הייליקע תפילות.

אין אַלטע פאַרצייטיקע טעמפּלען לעבט נאָך און וואונדערט דער וואונדער.

ניטאָ שוין קיין גלויביקע. ניטאָ קיין מתפּללים אין די היי־ליקע ווענט פון די טעמפּלען. אָבער פון די קאַלטע פאַרשימלטע דילן גייט אויף אַ געבעט, וואָס איז אייביק.

ניטאָ קיין שמשים, און ווער ווייס וויפיל יאָרן, אַז ס'זיינען געשטאָרבן די לעצטע כהנים. אָבער פון טונקעלע שטומע אַלטאַרן גייט אויף אַ געזאַנג וואָס איז אייביק.

ניטאָ שוין קיין בוימל אין הייליקע לייכטער. ניטאָ שוין קיין וועכטער צו היטן דעם פלאַמען. אָבער דאָס ליכט אין די לייכטער און לאָמפּן הערט ניט אויף נאָך צו צאַפּלען און ברענען און טונקלען אַ נאַכטיקע תפילה.

קומט זען דעם וואונדער, מיינע ברידער.
קומט קניען אויף שטיינערנע דילן פון אַלטע פּאַרצייטיקע טעמפּלען. קומט ברענען אין אייביקן פלאַם פון פאַרצייטיקע לאַמפּן און זינגען די תפילות צו דעם, וואָס איז אייביק.
לאָמיר קומען מיט שטילע בייגאַכטיקע וועגן צו טעמפּלען וואָס זינקען אין אוראַלטע הימלען, אין אַלטע פאַרגעסענע צייטן.
מיט שטילע געמאָסטענע טריט פון דער נאַכט וועלן מיר גיין.
מיט פרומע געמאָסטענע טריט וועלן מיר קומען און קניען צו דילן פון אַלטע פאַרצייטיקע טעמפלען.

ל. כאַנוקאָוו

אין מאָנאַסטירישע ווענט

שטילע, טעמפּע גלאָקן־קלאַנגען.

עס קומען פֿון ווינקלען געשטאַלטן אין שוואַרצן מיט הייליקע ספרים. איילן זיך. רופֿן מיט זשעסטן. זאָגן ניט. דערציילן ניט. פֿאַרטרויען ניט.

אָבער פֿון נישען און טויערן קומען מער און מער נאָנעס מיט אַלטע, פֿאַרצייטיקע ספרים.

איילן צום גרויסן אַלטאַר.

שטומע אַנגסטן באַגלייטן די רייען צו הימלישע דינסטן.

כאָר־געזאַנג קומט זיי אַנטקעגן.

כאָר־געזאַנג ציטער אין שטומע פֿאַרשימלטע ווענט, און קומט זיי אַנטקעגן. עס זינגען שטימען ניט הערבאַרע. הייליקע, פֿאַרכּטיקע שטימען. וויינען און קלאָגן אָן טרערן, אָן פֿאַררוואורף. בעטן ניט. שרייען ניט. שטראָפֿן ניט. און נאָר אין אַ שטילן פֿאַרגיין — לעשן זיך.

לעשן זיך שטומע געזאַנגען.

אַלץ ווערט אַנשוויגן.

גרוי איז דאָס שווייגן פֿון מאָנאַסטירישע ווענט.

גייען צוריק שוין די נאָנעס. שטילע נאָנעס גייען. געשטאַלטן רוקן זיך. געשטאַלטן רעדן מיט שווייגן.

אין פרומע שעה׳ען

געמאַסטענע טריט און שוואַרצע שלייערן. גייען אַוועק אין לאַנגע רייען איבער שטומע שטעגן. ווערן פאַרלאָרן, ווערן פאַר־שוואונדן אין גרויקייט פון ווענט און פון טורעמס.

ווערן ניט.

שימלען די ווענט. שווייגן די טויערן — אין מאַנאַסטירישע ווענט.

ליבע

כישוף

ביסט בלייך. ביסט פארביינקט.

ביינקסט נאך ווייטע פאר׳כישופ׳טע וועלטן. ביינקסט נאך א ווייטער פאר׳כישופ׳טער ליבע.

דיינע ליפן זיינען אפן. דיינע דינע נאזלעכער אטע־מען מיט דארשט אריין דעם פרילינג. דיינע גרויסע בלאע אויגן קוקן הימלישע צום הימל; זיינען פארנעפלט, פאר׳חלומ׳ט.

צו וועלכע וועלטן ציט אזוי דיין הארץ?

געטרוי זיך ניט דעם כישוף פון פרילינג. האב מורא. היט זיך אפ פון זיין נאכטיקן צויבער. היט זיך אפ.

ער וועט קומען און קוקן מיט כישוף אין דיינע פאר׳חלומ׳טע אויגן. מיט דארשטיקע ליפן טרינקען דיין לעבן.

זיין כישוף וועט כישופ׳ן אומגליק. זיין כישוף וועט כישופ׳ן טויט. געטרוי זיך ניט זיין צויבער. ער וועט דיך פארדרייען אין זון־קאראכאדן, ער וועט דיך פארפירן. ער וועט דיך פאר־בלאנדזשן אין גערטנער פון בלומען, אין וועלדער פון טאפאלן, און אויף א טעפיך פון יונגינקע גרעזעלאך אויסקושן דעם פלאם פון דיינע ברענעדיקע גלידער.

וועסט א קאלטע בלייבן ליגן. א פארלאזענע. א פארגעסענע און בעטן זיך:

ל. כאַנוקאָוו

— גיב מיר אַפּ דעם פלאַם פון מיינע גלידער. גיב מיר אַפּ מיין לעבן!

די טאַפּאָלן וועלן שטומען. די בלומען וועלן שווייגן און נאָר די יונגגינקע גרעזעלאַך וועלן וויינען . . .

פון ווייטן וועלן שטאַרבן טריט. דער פרילינג וועט אוועק. זיך קיינמאָל נימ צוריקערן.

צו...

זיי פלעגן מיר זאָגן:

— פּראָסטיטוטקעס קענען ניט ליבן. און קענען זיך ניט אוועקגעבן. זיי גיבן בלויז אוועק דאָס לייב. פאַר געלט.

און דו, די שקלאַפן, האָסט זיך מיר אוועקגעגעבן, ווי א קע־ניגן, ווי א געליבטע.

אזא שלאַנקע, אזא איידעלע, מיט די צאַרטע, דינע נאָזלעכער, אינגאנצן אזא ווייסע, מיט קלאַר־ווייסע הענט און פיס און בריסט — האָסטו אויפגעפלאַמט אין דער אייפערזוכט פון ריינער ליבע. האָסט געוואָלט אין מיינע הימלען פארלירן זיך. האָסט געוואָלט אין מיינע הימלען געפינען זיך. און א גלייכע, מיט מיר אינאיינעם אויפגעגאנגען צו מיינע הימלען.

(א לויב צום ריינעם קוואל פון דיין אויפגעלעבטער ליבע! א לויב צו דער אייפערזוכט פון דיין אויפגעפלאַמטער ליבע!)

נאָכדעם האָסטו שטיל אוועקגעלייגט דיין מידן, שטאָלצן קאָפּ, אויפ׳ן ווייסן קישן און געשלאָפן א שטילן, א רואיקן, קינדישן שלאָף.

נאָר דיינע ליפּן האָבן שטיל געשמייכלט. צו וועלכן וואונדער האָבן זיי געשמייכלט?

דיין רואיקייט, דיין צאַרטער שמייכל האָבן מיך גערירט ביז טרערן, און האָבן געבויגן מיינע קני פאַר דיין באַהייליקטער, באַ־ריינטער בעט.

איך האָב געזאָגט (און ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט הערן):

— איך האָב דיך ליב. אָבער איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט זאָגן. ניט קענען זאָגן. דו טאָרסט מיר סיי ווי ניט גלויבן. איך וויל ניט צעשטערן דיין ריינעם, דיין קינדישן גלויבן. ער איז הייליק. שלאָף אין רו, און פאַרגיב מיר... דער קלאָרער טוי פון דיין צער האָט געוואַשן מיינע בלינדע אויגן — בין איך זעענדיק געוואָרן, אָבער איך טאָר עס דיר ניט זאָגן. פאַרגיב מיר.

לאַנג האָב איך אַט אַזוי גערעדט, אַן ווערטער, ביז דו האָסט געעפנט דיינע אויגן, און האָסט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שפּעט, און איך מוז אַוועקגיין.

אַוועקגיין. אַוועקגיין.

דו האָסט באַגלייט מיך ביז'ן טיר, ווי אַ געליבטן. און אַזוי פיל טרויער האָט פאַרבאָרגן הינטער זיך דיין צאַרטער שמייכל.

איך האָב אָבער געזען:

אין דיינע אויגן איז געווען אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער שיינקייט, און אַן אַנדער טרויער. האָב איך ניט געקענט דערגרייכן צו דיין טרויער. ניט געקענט אַנטפּלעקן זיך אין דעם סוד פון דיינע אויגן.

בין איך אַוועק פון דיינע שוועלן צו דער גרויקייט פון מיינע טעג און נעכט אויף אייביק אַ פאַרשעמטער, און בענק נאָך דיר, נאָך דיין קינדיש ריינעם אַנבליק, נאָך דיין דינעם ווייסן צאַרטן האַלז און נאָך די סודות־טרויעריקע אויגן.

איך קען דיך ניט פאַרגעסן.

איך קען דיך ניט פאַרגעסן...

אין די פרימאָרגנס

אין פרישע פרימאָרגנס, ווען עס שמעקט מיט בלומען און זון, קום איך אַריין אין איר צימער.

זי שלאָפט נאָך. די ווייסע אָרעמס ליגן אויסגעשפּרייט אויף ווייכע קישנס. בלייכע צאַרטע ווייסקייט צערטלט זיך אויף ווייס־קייט.

אירע ליפּן שמייכלען נאָך אַ זיסן שמייכל. די באַקן רויטלען זיך און בליען פון אַ ווייטער רעגונג. און דורך אָפענע פענסטער פלאַטערט שטיל אַ פרישער ווינטל.

ס׳איז זומער. אין גאָרטן פּיפּטשן קליינע פייגעלאַך און פון ערגעץ ווייט אַריבער ביימער טראָגט זיך דאָס קרייען פון יונגינקע הענדעלאַך, וואָס פּרואוון ניט דערפּאַרענע הייזעריקע שטימעלאַך.

זי שלאָפט. אָבער ניט צו שטאַרק. איין שוואַכער גערויש. איין איבעריקער שאָרך — און זי וועט עפענען די בלאָע אויגן און אַ שמייכל טאָן אַנטקעגן דער שיינער, דער ליכטיקער וועלט . . .

איך טרעט אויף די שפּיצן פון מיינע פיס־פינגער איבער׳ן ווייכן טעפּיך פון דיל. שטעל זיך איבער איר, אַ יום־טוב׳דיקער, און קוק אויף איר, אויף דער ווייס־לייביקער, מיט ווייכע רונדע גלידער. מיינע ליפּן ציען זיך צום ווייסן לייב. עס פלאַמען זיך די בלוטן אין אַ זיסער רעגונג. עס ווילט זיך נאָענטקייט.

עס ווילט זיך נאָענטקייט.

זי עפנט אויף די אויגן. אַ שמייכל, ווי אַ ליכטיקע זון גייט אויף אויף איר פּנים. זי שטרעקט אויס באַגריסנדיקע הענט. אירע ווייסע אָרעמס ציען זיך צו מיר, ציען זיך אין זיסער רעגונג. ציען זיך, ציען זיך...

קאַפּריז און מיט אַ מאַטער שטימע זאָגט זי:

— קוש מיך ליבער, קוש...

איך בויג זיך איין און קוש אירע ווייסע פּלייצעס, אירע ווייסע אָרעמס, אירע בריסט. און זי — טוליעט זיך צו מיינע קושן. וויל נאָך און נאָך...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

...אויסגעלאָשענע פּרימאָרגן - פייערלאַך. די פייגעלאַך פּיפּטשן נאָך. דאָס ווינטעלע צערטלט די פאָרהאַנגלאַך אויף די פענסטער. אַלץ איז ווי געווען. אַ נייער טאָג שטייט אויף אין ליכטיקייט.

געבענטשט זאָל זיין די וועלט!

לאָז מיר קושן דיינע פינגער

אַז דיין האַנט איז אין מיינער — ביסטו מיר אַזוי נאָענט. אַזוי נאָענט...

איך נעם אין זיך אַריין דיין גאַנצע נאָענטקייט. איך נעם אין זיך אַריין דיין גאַנצע וואַרימקייט, — און קען ניט אָנגעזעטיקט ווערן, און קען דעם קוואַל פון דיינע בלוטן ניט דערשעפּן...

לאָז מיר קושן דיינע דינע צאַרטע פינגער.

עפּעס שפּילט זיך אין די אָדערן פון דיינע פינגער. עפּעס לעבט און רייסט זיך פון אונטער דער מאַטער הויט פון דיינע הענט. עפּעס קוועלט.

עפּעס רעדט צו מיר אויף אַ פאַרבאָרגענער און קרובה׳שאַפ־טער שפּראַך. און זעטיקט מיך, און רעגט...

אָט לאַכט, דאַכט זיך, אַרויס פון דאָרט דיין ליכטיקע נשמה. און אָט וויינט, דאַכט זיך, אַרויס פון דאָרט דער צער פון דיינע טרויעריקע אויגן, דער שטילער אומעט פון דיין פּנים.

לאָז מיר דריקן דיינע נאָכגיביקע פינגער, דיינע עטוואָס צי־טערדיקע פינגער.

לאָז מיך קושן דיינע צאַרטע ליליען פינגער מיט די בלייכע בלויע אָדערן.

נעם ניט צו דיין האַנט. ניט ווער דערווייטערט. זיי אַ נאָענטע.

רעד צו מיר די שפּראַך פון דיין וואַרימער, נשמה׳דיקער האַנט. זינג אַרויס די שיינקייט פון דיין יונגען קערפּער, וויין אַרויס דעם שטילן טרויער פון דיין האַרצן.

לאָז מיר קושן דיינע מילדע, דיינע גוטע פינגער...

ל. כאַנוקאָוו

איך זע דיך

איך דעק צו מיין פּנים מיט די הענט, און זע דיך דורך כּישוף־געוועבן פון מעשות. דו ביסט צאַרט. דו ביסט שיין. דו ביסט הייליק. און דיינע הענט זיינען צוויי ווייסע ליליען.

(איך בּיינק נאָך דיינע הענט. איך וויין נאָך דיינע הענט.)

דו ביסט ווייט. הינטער ים'ען. הינטער טאָלן און בערג. אַ פּאַרשפּאַרטע אין פּרעכטיקן פּאַלאַץ זיצסטו און ביינקסט. ביינקט מיט דיר אינאיינעם דער פּאַלאַץ פון ווייסן מאַרמאָר און העל־בלאָען מירמלשטיין, ביינקן מיט דיר די הויכע טורעמס און געשניצטע קאַלאַנאַדן. ביינקן ביינקן.

ארום דיין פּאַלאַץ־תּפיסה ליגן אויסגעלייגט ווי טעפּיכער — גן־עדן גערטנער. און אין די גערטנער שטייען שלאַנקע טאָפּאָלן און צעדער־בוימער. וואַרפן אָפּ צום פּאַלאַץ לאַנגע שמאָלע שאָטנס. צאַרטע פידלען וויינען אויס דעם צער פון דיינע טעג. צאַרטע פּידלען קלאָגן אויס די ביינקשאַפט פון די נעכט.

(אַך, קיינער, אַחוץ מיר קען יענע קלאַנגען ניט פאַרנעמען).

זיצסטו אַ פאַרוויקלטע אין ווייכע אָוונט־שאָטנס, און ביינקסט.

ביינקסט נאָך מיר, נאָך דעם געליבטן דיינעם ניט באַשערטן.

און אַז די נאַכט קומט אָן, און שווערע שווייגנדיקע שאָטנס פילן מיט שטילקייט יעדן ווינקל פון די גרויסע מאַרמאָר־זאַלן, פאַר־

ברעכסטו דיינע הענט, א קניענדיקע, פאר׳ן דינעם זייד פון דיין געלעגער, און בעטסט:

— געליבטער מיינער. ניט באַשערטער געליבטער מיינער. קום צו גיין דורך פאַרבאַרגענע וועגן, באַטרעט מיט דיין פוס דעם איינזאם פון וואַרטנדיקע דילן. קום צו גיין, און דערפריי און באַלעב די פאַרטרויערטע בעט — מיט באַרירונג: איך בענק אַזוי נאָך דיר. עס יאָמערן אַזוי נאָך דיר די בלוטן מיינע!

שעה׳ן לאַנגע וואַרטסטו אויף מיין קומען. נאָכדעם טוסטו אָן דיין נאַכט־העמד פון ריינסטן ווייסן זיידנס און קוקסט זיך אָן באַרואיקט אין דיין שפּיגל. ווייסט שוין: איך וועל קומען.

איך וועל קומען שטילן דיין וואַרטנדיקע אומרו. און דו וועסט זיין אַזאַ שטילע, אַזאַ נאָכגיביק־צאַפּלנדיקע, ווי דער שטילער פּוילער קוואַל, ווען עס פאַלט צו דער מידער וואַנדערער זיין דורשט צו שטילן.

א דאַרשטיקער וועל איך טרינקען פון דיינע פולע קוואַלן. טרינקען און טרינקען ביז עס וועט קוועלן אין דיר דיין באַפרידיקטע קוואַליקע פרייד. ביז עס וועט שטאַרבן די בענקשאַפט.

איך זע דיך דורכ׳ן כישוף־געוועב פון אַ מעשה.

ל. כאַנוקאָוו

דו וואונדערלאַכע

נאָר איין מאָל האָב איך דיך געזען. נאָר איין מאָל — און אייביק וועל איך אומטראָגן אין האַרצן דיין וואנדערלאַך געשטאַלט, דיין וואונדערלאַכן פּנים.

נאָר איין מאָל בין איך געשטאַנען פאַר דיין וואונדערלאַכקייט, און אייביק וועל איך שטייען קעגן דיר, פאַרוואונדערט, ניט קענענדיק דערגייען דעם סוד פון דיין וואונדערלאַכקייט.

נאָר איין מאָל האָב איך דיר געוואָלט זאָגן:

— איך האָב דיך ליב!

און איצטער דוכט זיך מיר: — איך האָב קיין אַנדער וואָרט ניט אויף די ליפּן, קיין אַנדער אויסדרוק פאַר מיין אייביקער אַנטציקונג, ווי דאָס אייביקע:

— איך ליב דיך!

כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזונגען דיר קיין לויב. און איצטער האָב איך ניט פאַר דיר קיין אַנדער וואָרט, אַ חוץ איין־איינציק וואָרט:

— וואונדערלאַכע...

נאָר פאַר דיר קען איך, אָט אַזוי, פון גאַנצן האַרצן, אין דער פולקייט פון עקסטאַז זאָגן נאָר איין וואָרט:

— וואונדערלאַכע!...

און פילן דערביי די גרויסע פרייד פון אייביקייט, ווייל אייביק וועט אָט דאָס וואָרט דאָס איינציקע לעבן נאָר פאַר דיר, אייביקע צופעליקע געליבטע מיינע.

נאָקטורן

הייליקע נאַנע. געליבטע מיינע.
שטילע פארנאַכטיקע שאָטנס דרעמלען אין רו.
איבער באהאַלטענע נאַכטיקע וואָלקנס פּארשפּרייטן מלאכים די זילבערנע פליגלען, און שוועבן, און שוועבן. פון די פארלוי־רענע הימלען נידערן הייליקע פרינצן. נידערן צו די ווייסע פרינ־צעסינס פון דער שטילער און צער'פולער ערד.
הייליקע נאַנע. שטילע, געלייטערטע שוועסטער. געליבטע מיינע.
אַלע שטאַרבן ביינאַכט.
אַלע שטאַרבן אַ שטילן, אַ צער'פולן שטאַרבן.
ווי אַלע ביינאַכטן וועל איך קומען צו דיר מיט די שטילע, געמאַסטענע טריט פון אַ פרוש, און פאַלן אַ פרומען ביינאַכטיקן קניען פאַר דעם שטילן ליכט פון דיין אַלטאַר. נעם מיך אויף.
אויף דעם שטיין־קאַלטן דיל פון דיין נאַכט־צעל וועל איך קניען און מורמלען אַ תפילה. פארוויגן מיין האַרץ אין דיין הייליקן ציטער. מיט דיין הייליקייט וועל איך געהייליקט ווערן. מיט דיין געלייטערטקייט — געלייטערט ווערן.
נעם מיך אויף. נעם מיך אויף...
זיי וועלן אַראָפּנידערן די פרינצן פון די הימלען, זיי וועלן אַראָפּנידערן.
לאָמיר זיי באַגעגענען און באַגריסן מיט אַ הייליקער תפילה. מיט אַ שטומען ביינאַכטיקן זינגען.

אין האָטעל

...מיין האָטעל איז אַ גרויסער, אומענדלאָכער לאַבירינט פֿון צימערן, קאָרידאָרן און טירן. אויף יעדער טיר — אַ נומער. הינ־טער יעדן נומער — אַ געהיימניס.

איין קאָרידאָר, פֿון די טרעפּ, פֿירט מיך איבער אַ ווייכן, לאַנגן טעפּיך — ווייט, ווייט, כמעט צום איינציקן פֿענסטער, וואָס באַהאַלט זיך אין דער לעצטער אויסערלאָכער וואַנט. און דאָרט— איז מיין צימער מיט דעם נומער אויף דער טיר — 1966.

איך גיי, און הער ניט מיינע טריט. איך גיי, און אימיצער, אַ פֿאַררעטערישער, רויבט אַוועק מיינע טריט. — שלייך איך אַזוי אַוועק פֿאַרביי נומערן, נומערן, מיט געהיימניספֿולע צימערן און פֿאַרמאַכטע טירן...

איך וועל אויפֿזוכן מיין נומער — 1966 —, אַריינגיין אין דעם שטילן פֿרעמדן צימער, וואָס איז מיין צימער, צושליסן נאָך זיך די טיר, און אויפֿשרעקן אויף אַ ווײַלע די שטילקייט מיט'ן אייזן פֿון דעם שלאָס און שליסל. און אַנשווייגן ווערן.

איך בין אַ פֿרעמדער צווישן פֿרעמדע. איינער צווישן איינצל־נע. — קען איך ניט דערנענטערט ווערן מיט זייער נאָענטקייט. קען איך ניט פֿאַרמערט ווערן מיט זייער מערקייט.

אַלץ שווייגט דאָ: די בעט, דער טיש, די ווייכע אַלטע שטולן. שווייגן אַ פֿאַרדאַכטיקן און ליגנערישן שווייגן. ווילן ניט, פֿאַר־

עקשנ׳טע, דערציילן די טויזנט סודות, וואס קוקן, דערשראקענע, ארויס פון יעדן קריץ און רים פון די מעבל, פון יעדן פאלד, פון יעדן פלעק, וואס אויף די גרויע ווענט און אויף דעם טעפיך פונ׳ם דיל. אלץ שווייגט.

אבער איך ווייס אליין א יעדן סוד.

איך וועל זיך דורכגיין איבערן צימער הין־און־צוריק, וועל שטיל א פייף טאן עפעס אונטערן נאז, און, ציענדיק די מידע גלי־דער, ווי א חיה, דורך א זיסן גענעץ, ברומען:

— ע־ע־עך! כא־כא־כא!...

וועט קיינער מיר ניט ענטפערן. און עס וועט זיין אזוי, ווי אלע מאל, ווי אומעטום, אין אנדערע האטעלן, וואו עס שווייגן די ווענט און וואו פרעמד און איינזאם עס זיינען די מענטשן.

— עך! כא־א!...

* * *

א צוגעשפארטע צו א וואנט, שטייט די אלטע ביורא. עפעס ציט מיך צו אירע צוגעמאכטע, ליידיקע שופלאדן. איך רוק ארויס איין שופלאד — ליידיק. א צווייטן — ליידיק. און גאר אונטן, אין דעם אונטערשטן שופלאד — א קליין צעטעלע פארשריבן מיט א פרויען־האנט:

„געליבטער מיינער. אומבאקאנטער געליבטער מיינער.

„לאנגע נעכט האב איך געווארט דא אויף דיין קומען. אלץ געווארט: וועסט קומען, אנקלאפן צו מיר אין טיר, און, צווישן טויזנטער, אין דעם פרעמדן, פרעמדן לאבירינט, מיך אויפזוכן און דערקענען...

„נעליבטער מיינער. דו ביסט ניט געקומען. אָבער ווען עס איז, ווען איך וועל דאָ ניט זיין, וועסטו קומען און מיך געפינען אין דעם שווייגנדיקן צימער, אין די שטומע ווינקלען, און וועסט מיך דערשפירן אין דעם עטער וואו עס האָט מיין ווען זיך אַזוי נאָך דיר געצאַפּלט, וואו מיין האַרץ האָט אויסגעבייגקט נאָך דיר זיין בייגקשאַפט.

„דו וועסט קומען, און איך וועל ווערן — דיינע, דיינע, דיינע...״

איך לייען נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל. באַהאַלט דעם שטיקל פּאַפּיר אויף מיין האַרצן, ווי אַן אוצר. און עס פאַרגייט דאָס האַרץ אין אומרו און אין בייגקשאַפט. עס ווילט זיך זאָגן:

— געליבטע מיינע. אומבאַקאַנטע געליבטע מיינע. צווישן טויזנט צימערן האָב איך דיך געפונען, און פאַרנומען דיין בענקשאַפט, און דערשפירט דיך, ווי אַ זיסן חלום אין דעם עלנד פון מיין צימער. געליבטע מיינע, געליבטע מיינע...

און פּלוצלונג,—אימיצער פּאַרעט זיך מיט אַ שליסל לעבן אַ טיר נאָענט צו מיין טיר, שרעקט די שטילקייט פון דעם לאַנגן קאָרי־דאָר. אימיצער וויל עפענען אַ טיר, און קען ניט, — קלאַפּט נער־ווען דער שליסל, אַ מינוט און מער...

איך ווער נייגעריק. איך עפן די טיר און קוק אַרויס אין קאָרי־אָדר.

אַ יונגע פרוי שטייט לעבן טיר נומער 1964, די צווייטע טיר פון מיין טיר, און פּאַרעט זיך, אין אַנגסט, אַרום דעם שלאָס, קען ניט אָפּשליסן. איז זי אומבאַהאָלפן אין דער האַלב־פינסטערניש פון לאַנגן קאָרידאָר, אין דער הויך פון ניינצנטן שטאָק. שרייט זי:

— מעיד! מעיד!"...

איר קול איז אויפגערעגט. זי ווארפט אויף מיר אן אומעטיקן בליק, און ווארט. די „מעיד" ענטפערט ניט. זי איז דא ניטא.

איך זאג:

— זאל איך אייך אפשר העלפן?...

— אך, זייט אזוי גוט... דער שליסל עפנט ניט...

זי איז אינגאנצן ווי א שולדיקע. מיר דוכט, איר פנים רויטלט זיך און שרעקט זיך.

איך עפן אויף איר טיר. עס גיבן זיך א ווארף אנטקעגן א דורכזיכטיקע פינסטערניש, א בעט, א טואלעט טישל מיט קליינינקייטן און אויף די שטולן זיידענע בלוזעס, קליידלאך און דינע געמאלענע שאלן. עס גיט א שפאר איז נאז א פאר׳שיכור׳נדיקער ריח פון דינע פארפומען, און דער קאפ פארדרייט זיך...

זי דאנקט העפלאך און פארשווינדט הינטער׳ן טיר.

איך גיי אריין צו זיך אין צימער. עפעס האט זיך שוין אריינגעריסן אינ׳ם שטילן טרויער פון מיין הארצן...

* * *

איך קען ניט פארגעסן, אז זי איז דא, הינטערן וואנט. איך קען ניט פארגעסן.

איך הער זיך איין: אפשר וועל איך הערן א קלאנג, א שארך פון הינטערן וואנט. איך ווארט. מיין הארץ קלאפט שטארקער. מיין אטעם ווערט קירצער.

איך זעץ זיך אויף א שטול און טראכט וועגן דער פרוי הינטער׳ן וואנט. זי איז מיר טייער. זי איז הייליק. פונקט ווי מיין

נשמה וואָלט געווען הינטער יענער וואַנט פאַרשלאָסן — ביינקט נאָך איר מיין האַרץ און וויל פון איר אַ בשורה הערן.

און די וואַנט איז קאַלט און שווער, און לאָזט ניט דורך קיין לעבעדיקע קלאַנגען...

וואָס טוט מען? אָט איז זי דאָ, הינטערן וואַנט, און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן.

גיי איך אום איבערן צימער ביז עס הויבט אָן טונקלען אין די אויגן. נאָכדעם עפן איך אויף מיין טיר און שטעל זיך אויפ'ן שוועל.

דער קאָרידאָר ציט זיך, ווי אַ לאַנגע, גלייכע סטעזשקע און ענדיקט זיך ביי דער עפענונג פון עלעוואַטאָר. אויף די ווענט, צווישן די טירן, הייגנען אַלטע בילדער.

(ווער זעט דאָ בילדער? ווער דאַרף דאָ בילדער? טרויערן די בילדער מיט אַן אַלטן טרויער, דרימלען זייער אַלטן דרימל.)

איך טו אַ קוק אויף איר טיר.

אפשר זאָל איך אָנקלאַפּן און זאָגן:

— איך בין אומרואיק. מיין האַרץ איז מיר אומרואיק.

אָדער:

— איך בין איינזאַם. איך בין שרעקלאַך איינזאַם. עס דריקן מיך די לאַנגע קאָרידאָרן מיט די טויזנט צימערן. אין יעדן שטאָט געפין איך אַ האָטעל מיט טויזנט צימערן. און פרעמדע מענטשן...

אָדער:

— טייערע. איך האָב טויזנט יאָר נאָך דיר געביינקט און דיך געזוכט אין טויזנט גרויסע לאַבירינטן, צווישן פרעמדע, ווייטע מענטשן. זיי אַ נאָענטע...

ניין! ווי קען מען עס קומען און זאָגן?
ווי קען מען דאָס זאָגן?
פאַרפאַלן...

איך פאַל, אַ מידער, אויפ׳ן בעט. צי זיך אויס מיט׳ן פּנים צום באַלקן. ניטאָ גאָרניט. פאַרפאַלן. פּוסט. עס ציען זיך פאַר־ביי די אויגן פינסטערע טומאַנען, פאַרנעפּלען אַלע וועלטן, לעשן אויס דעם מאַרך, גליווערן די בלוטן. איך זאָג אַרויס האַרציק:

— געליבטע מיינע.

און פאַרגיי אין זיסן טרויער. און דורך דער נאַכט, איבער די לאַנגע, שמאָלע קאָרידאָרן, איבער די בלייכע נאַכטיקע סופיטן, טראָגט זיך צו איר מיין תפילה און ווייעט אָן אויף יעדן האַרץ אַ חלום, און פלעכט אַרום אירע ליפּן אַ ליבלאַכן שמייכל.

— געליבטע מיינע...

ל. כאַנוקאָוו

אין פרומע פאַרנאַכטן

אין פרומע פאַרנאַכטן, ווען שאָטנס טוליען זיך צו שאָטנס — הער איך דיין רוף פון וויטן מדבר.

א קליין־געוויקסיקע, מיט שמאָלע אויגן־שניטן, די גאַנצע אין דעם אומשולד פון די אויגן, די גאַנצע אין דעם קינדיש־קליי־נעם, אין דעם קינדיש־צאַרטן קערפער שטייסטו פאַר מיר, א נאַענ־טע, אין וויטן מדבר, און רופסט צו מיר.

דיין קול איז גליענדיק, ווי דער זאמד פון מדבר. דיין אָטעם — הייסער פון זיין אָטעם. דו רופסט:

— קום צו מיר. נעם אוועק די גרויע שלייערן פון דיין פנים און שטעל זיך קעגן מיר אינ׳ם בלוט און פלייש פון דיין געשטאַלט. איך האָב שוין מער קיין מורא ניט פאַר דיר. עס ציטערט שוין ניט מער מיין הארץ פאַר דיין שאַרפן בליק. עס גליווערט ניט מיין בלוט דיין הייסער אָטעם. קום צו מיר — וועל איך זיין צו דיר א גלייבע. שטיין קעגן דיר, ווי איך בין קיינמאָל ניט געשטאַ־נען, ריידן צו דיר רייד נאָך קיינמאָל ניט גערעדטע.

קום צו מיר. שרעק זיך ניט פאַר מיינע אויגן. זיי זיינען שוין ניט מער די אויגן פון א משוגענער. מיין אָטעם וועט ניט ברע־נען מער מיט האַס און מיט פאַראַכטונג. מיין לייב וועט מער ניט ציטערן אין אַנגסטן פאַר דיין גרוויזאַמער בארירונג. איך בין צו

דיר אַ גלייכע. איך בין, אַזוי ווי דו, געוואָרן אַ שאָקאָל אין גרויסן ווייטן מדבר. מיין קול איז ווילד. מיין קול איז איינזאַם. איך שריי — און קיינער הערט ניט מיין געשריי. איך רוף — און הער פון קיינעם און פון ערגעץ ניט קיין אָפּרוף.

שריי איך סיי ווי סיי מיין איינזאַמען געשריי צו ערד און הימל און צו דיר.

אַ, קום צו מיר. עס זיינען דאָ פאַראַן אַזעלכע היילן ליכטיקע, קרישטאָלענע, וואוהין עס קומען אָפּרוען די עלנדע, בלאָנדזשענ־דיקע שאָטנס. זיי קומען שווייגנדיקע — און באָדן זיך אין דעם ליכט פון דעם קרישטאָל פון יענע הייל ,זאָון גייען געריינ־יקטע, אַרויס צו מיינע הימלען און צו מיינע זונען, וואָס וועלן ווערן — דיינע. און אויף דעם זאַמד פון מדבר, צווישן ערד און הימל, די בלומען אונזערע באַהעפטן.

אַ, קום צו מיר, און נעם מיך אויף׳ן זאַמד פון מדבר. נעם — און וואַרף אַוועק, ווי דו האָסט איינמאָל מיך געוואָרפן. פאַר־געס — ווי דו האָסט איינמאָל מיך פאַרגעסן. זאָל אין מיינע בלומען נאָר אויפלעבן דיין בלוט.

... אין די פרומע פאַרנאַכטן, ווען שאָטנס טוליען זיך צו שאָטנס — הער איך דיין רוף פון ווייטן מדבר. איך באַנעם דיין רוף, און קום צו דיר אין הייסן, ווייטן מדבר באַהעפטן מיינע זו־נען מיט דיין זון, און מיינע הימלען מיט דיין הימל, און מיינע בלומען — מיט דיין בלוט...

ל. כאַנוקאָוו

פאַרלאָרענע ליבע

...איך האָב דיך פאַרלאָרן. איך האָב דיך פאַרלאָרן...

* * *

כ'האָב דיך פאַרלאָרן. און מיט דיר — די הימלען מיינע, די קרישטאָלענע, און די זון, די ליכטיקע, איבער מיין קאָפּ, און דעם ריח פון די בלומען, און דעם אָטעם פון די גראָזן.

כ'האָב פאַרשאָלטן מיינע געטער און צעטראָטן אַלע בלומען אין מיין גאָרטן, און געלאָזן זיך אין ברייטן פעלד דיך זוכן. געפרענט די גראָזן און די בלומען און געפרעגט די ווינטן.

דער פעלד האָט שווער געשוויגן. נאָר די גראָזן און די בלומען האָבן טרויעריק געניגט זיך צו דער ערד און שטיל געבעטן:

— קער זיך אום, אָ, קער זיך אום!...

דער ווינט האָט ניט געטריקנט מיינע טרערן.

די פויגלען האָבן ניט געזונגען מיר קיין טרייסט־ליד.

* * *

ווי די גראָזן פון דיין פוס באַטראָטענע אויף דעם ברייטן פעלד, וויינט נאָך דיר מיין האַרץ, און בייַנקט.

כ'וועל זיך שטעלן אויף די שפּיצן פון מיינע פוס־פינגער און ציען זיך צו דיר, און זוכן דיך אין נעבלדיקע ווייטקייטן, און רופן צו דיר:

— קער זיך אום!... קער זיך אום, און ברענג מיט זיך די הימלען מיינע, די פאַרלאָרענע. קער זיך אום — און צינד די זון

אַן איבער מיר. און זאָלן שוין די בלומען אָנהויבן צו שמעקן, און די גראָזן — זייער אָטעם שפּרייטן.

* * *

אַלע נאַכט וואַכט אויף מיין קראַנקען דרימל אַ געוויין.

איך וויים ניט ווער עס וויינט און פון וואַנען עס קומט אָט דאָס געוויין. איך זעץ זיך אויף אויף מיין געלעגער, קוק אַרום אַ יעדן ווינקל פון מיין צימער, הער זיך צו, און וואַרט. און וואַרט.

קיינעם הער איך שוין ניט וויינען. אָבער אין דער שטילקייט פון דעם צימער שפּיר איך לאַנג נאָך יענע בלאַנדזשנדיקע קלאַנגען פון געוויין, וואָס פאַלן איינציקווייז, ווי טויטע שאָטנס אויפ׳ן דיל און אויף די ווענט.

איצטער וויים איך:

אימצער באַוויינט מיין שווערן עלנד, ניט קענענדיק מיך טרייסטן.

אימיצער באַוויינט מיין שווערן שיקזאַל אויף דער וועלט, ניט קענענדיק מיך טרייסטן...

* * *

היינט האָב איך געוויינט דערמאָנענדיק דיין נאָמען.

קיינער האָט מיין וויינען ניט געהערט און ניט געזען. נאָר דו אַליין ביסט דאָ מיט מיר געווען, און געוויינט מיט מיר צוגלייך אויף דעם צער און עלנד פון מיין האַרצן. און געווען אַזוי ווי איך. און געווען אַזוי ווי איך...

נאָכדעם האָסטו זיך לעבן מיר אוועקגעזעצט, און ווי אַ מאַמע, געווישט די טרערן פון מיינע אויגן מיט אַ ציידן־טיכל, און גע־טענה'ט:

— ניט וויין, ניט וויין...

האָסט מיר היינט אַ נאָענטע געזאָגט:

— ניט וויין...

* * *

געליבטע מיינע.

זיי זיינען אַלע היינט צו מיר געקומען מיט בלייכע פּנים'ער, די קינדער מיינע פון דיר נאָך ניט געבוירענע.

זיי האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן מיר, און געקוקט מיט אור־מעטיקע אויגן פון יתומים מיר אין פּנים.

איך האָב זייער בליק פאַרנומען אין מיין האַרצן, און צו זיי געזאָגט:

— קינדער מיינע, ניט געבאָרענע, קינדער מיינע! צעשטערט געוואָרן איז די היים, וואָס איך האָב אָנגעגרייט פאַר אייער קו־מען. בייזע ווינטן האָבן צעטראָגן איבער פעלדער אייער מאַמעס זיסע וויג־לידער.

איצטער זינגט אַרום דער פעלד מיט זיינע גראָזן דער טרויער פון איר ניגון.

אַן איינגעטראַכטענער מיט מיינע בלומען ליגט צעטראָטן אין מיין גאָרטן אייער שיקזאַל...

— —

האָבן זיי מיט מיר איניינעם זיך געשטעלט אַנטקעגן פענסטער

אויף די קני און מיט צונויפגעלייגטע בלאַסע פינגערלאַך, געבעטן:

— אַ, גרויסער גאָט! קער אום צוריק די מאַמע אונזערע, די פאַרלאָרענע, קער אום!...

און אין אָוונט זיינען מיר געגאַנגען שטילע, שוויינגדיקע און בלייבע נאָך אַמאָל דיך זוכן אינ׳ם ברייטן פעלד. און ניט געפונען.

און קומענדיק אַהיים נאָך אַלץ געוואַרט ביז דו וועסט קומען ליגן שלאָפן זיי אין ווייסע בעטן.

דו ביסט ניט געקומען. זיינען זיי געבליבן שוויינגדיקע, ווי אבלים, פאַררוקטע אין די ווינקלען.

איך האָב זייער צער פאַרטראָגן ניט געקענט — און נאָך אַמאָל געוויינט...

* * *

די נאַכט האָט אָנגעצונדן פייערן, ווי זוכנדיקע אויגן איבער ׳ער גאַנצער שטאָט.

בין איך אַ גאַנצע נאַכט ארומגעגאַנגען איבער גאַסן און אַלעען. דיך געזוכט.

צען טויזנט פרויען האָב איך אפשר אויף מיין וועג באַגעגנט, און צען טויזנט מאָל געדענקט, אַז דאָס ביסטו. און צען טויזנט מאָל געווען דערשראָקן און דערפרייט...

אַלע זיינען זיי געווען, ווי דו, און קיינע — דו אַליין...

* * *

אַלע אָוונט דערמאָן איך דיך אין תפילות. מיט דיין אָנדיינקען ווער איך געהייליקט. מיט דיין הייליקייט ווער איך געטרייסט. געליבטע מיינע.

ל. כאַנוקאַוו

פאַן

איך בין געגאַנגען שפּאַצירן. דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט אויף דער וועלט, ווי אַ גרויסע היטל. פון אומעטום זיינען געקומען אומגעזעענע געשטאַלטען, האָבען זיך געשטעלט, ווי וועכטער, ביי די זייטן פון מיין וועג, און אומזעבאַרע, געלאָזן פון זיך פאַלן לעבעדיקע שאָטנס, וואָס האָבן זיך צעשטעלט אין רייען, אין רייען, ווי צום פּאַראַד.

ניט געווען קיין סוף צו שאָטנס. ס׳איז פול געוואָרן מיט זיי די וועלט. ס׳איז שנעל אַראָפּגעפאַלן די נאַכט.

איך האָב זיך געאײַלט אַהיים. און אַז איך בין צוגעקומען נאָענט צו מיין גאָרטן, האָב איך שוין דאָרט קיין זאַך ניט דערקענט.

די ווייסע ליליעס זיינען ניט געווען ווייס. די רויטע אַנעמאָנען זיינען ניט געווען רויט, און די גאַנצע רייכע משפּחה פון רויטע ווייסע און בלאָע רויזן־בלומען זיינען שטום געשטאַנען און געשוויגן אונטער דעם שווערן צודעק פון דער נאַכט, אָן פּנים און אָן שיינקייט.

איך האָב געקוקט אַרום זיך, אין אַלע ריכטונגען. ניט דערקאָנט מיין וועלט. מיין גאָרטן איז ניט געווען מיין גאָרטן. מיינע בלומען זיינען ניט געווען מיינע בלומען. ס׳איז געווען אַ שוואַרצע וועלט מיט פינסטערע פלעקן: פינסטערניש אין פינסטערניש.

בייטאָג וואוינען אין מיין גאָרטן פריילאַכע געטער. אומעטום זיינען זיי דאָ: אין די קוסטעס, אין די ביימער, אויף די בלומען־בייטן. זיי זיינען אַזעלכע פריילאַכע, אַזעלכע צופרידענע מיט שמייכלענדיקע פּנים׳ער.

זיי פּוצן זיך אין בלומען קאָלירן, מיינע געטער. זיי דופטן זייערע פּרעכטיקע קליידער מיט ריחות פון די שמעקעדיקסטע רויזן, מיינע געטער.

און איצט זיינען זיי ניט געווען אין מיין גאָרטן.

נאָר צווישן די שטילע און רואיקע. קאָלירלאָזע בלומען, איז געזעסן, אַ באַהאַלטענער אין שטעכלקעס פון רויזן־קוסט, דער קאָפּ־ריזער, דער מורא׳דיקער פּאַן.

ער האָט אַרומגעפלאָכטן מיין נשמה מיט זיין געוועב פון שרעק און מורא. ער האָט דורכגענומען מיינע גלידער מיט זיין שטעכעדיקן בליק און אוועקגעטריבן מיך, אַ דערשראָקענעם, אויף די טרעפּלאַך פון מיין געצעלט, צום ליכט פון אויפגעוואַכטן צימער.

פּאַן ! . . .

ביינאַכט

עס איז שוין געווען שפּעט. ער איז געשטאַנען לעבן איר טיר. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: אָנקלאַפּן? ניט אָנקלאַפּן? אָנגעקלאַפּט.

זי האָט אויפגעעפנט. נאָך פריער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ער. איז איר בליק געווען שטרענג, שפּיציק.

— נאָך וואָס קומסטו אַזוי שפּעט? אַלע שלאָפן שוין. מ'וועט דערהערן. און דו קומסט...

— געוואָלט דיך זען.

כ'קען דיך ניט אַריינלאָזן. כ'קען ניט!

מיט געוואַלד אַריינגעשטופּט זיך אין צימער און פאַרמאַכט די טיר.

— גיי אַרויס! דו הערסט? — איך וויל זאָלסט גלייך אַוועקגיין!...

זי איז געווען בייז. איר קול האָט געציטערט, און די ליפּן זיינע געווען בלייך.

ער האָט ניט געענטפערט, געשטאַנען און געשמייכלט.

— גיי אַרויס!

— כ'וועל ניט גיין!

זי האָט אינגאַנצן געציטערט פון אומבאַהאָלפנקייט. און ער האָט זי קאַלטבלוטיק אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע שטאַרקע אָרעמס.

עכשנות׳דיק געזוכט אירע ליפּן מיט זיינע גרויסע זאפטיקע ליפּן. זי האָט זיך געריסן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, פאַרדריקט די ליפּן און די ציין, און ער האָט געקושט, געקושט, וואו עס האָט זיך געמאַכט. ענדלאַך האָט זי זיך אַרויסגעריסן, איז געבליבן אויף אַ רגע שטיין מיט די שפּיציקע פּלייצעס אַנטקעגן זיין גרויסער מעכטיקער פיגור, אַ קליינע, ווי אַ קינד:

— כאַם!! . . .

נאָך אַ קליינע רגע — און זי איז פול געוואָרן מיט בלוטיקן כעס. איז געווען ענלאַך צו אַ בייזער שמערצלאַך־דערשראָקענער קאַץ, ווען זי שטייט אַזוי אין לעצטער פאַרצווייפלונג פאַר אַ גרויסן קוד־לאַטן הונט. צום האַלז האָט זיך אונטערגעקייקלט עפּעס האַרטס, און געבליבן שטעקן אין גאָרגל. די ליפּן זיינען געווען בלייך און אין די ווינקלען געציטערט, ווי אין קאָנוואולסיעס. אַזוי גרויס איז געווען דער כעס. האָט זי זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן, און גאָר פּלוצלונג, ניט דערוואַרטעט פאַר זיך און פאַר אים, מיט׳ן אימפּעט פון אַן אָנגעצויגענער ספּרוזשינע, אַ וואָרף געטאָן זיך אין זיין גע־זיכט און מיט די שפּיציקע, מאַנוקירטע נעגל איינגעשניטן זיך אין זיינע באַקן, אין זיין נאָז, ביז אין דעם רויען פלייש אַריין . . .

טונקל־רויטע שטראָמלאַך האָבן זיך אַ גאָס געטאָן איבער זיי־נע באַקן.

אַ רגע געשטאַנען פאַרלאָרן. כמעט אומבאַהאָלפן. נאָר געפילט, ווי אַ רויטע גבורה האָט אַ שטראָם געטאָן איבער זיינע גלידער צום מאַרך פון קאָפּ, פאַרטונקלט די געהירן און אַ מאָדנע הייסע רעגונג האָט אַ ברען געטאָן דעם גאַנצן קערפּער פון די שפּיצן פון די פיס־פינגער ביז צום שאַרבן.

אינסטינקטיוו אַ וואַרף געטאָן זיך צו איר. לייב נאָך לייב האָט זיך אַ וואַרף געטאָן. לייב האָט לייב געוואָלט פאַרצערן אין אַ ווילדן געראַנגל.

ס׳איז געווען מורא׳דיק די רגע. זי האָט געוואָלט שרייען, און ניט געקענט. פּונקט ווי אימיצער וואָלט איר פאַרדריקט דעם גאָרגל, און נאָר די הויל־אַנטבלויזטע הענט און פיס האָבן געפּלאַטערט אין דער לופטן, ווי פליגלען פון אַן אויפגעשראָקן פויגל, האָבן זיך געוואָרפן, האָבן זיך געצאַפּלט אין לעצטער אַגאַנישער פאַרצווייפלונג.

זי האָט בלויז געוואָלט שרייען, שרייען, שרייען... מיט די לעצטע כחות, מיט׳ן לעצטן אָטעם אַ געשריי טאָן. האָבן זיך זיינע ליפּן איינגעזויגן אין אירע ליפּן ביז אין די ציין אַריין, און האָבן ניט געלאָזט איר קול געבאָרן ווערן. האָט דאָס געשריי, ווי אַ שאַרפער שווערד, אַ שניט געטאָן איבער׳ן גאַנצן לענג פון איר רוקן־ביין און מיט׳ן שאַרפן שפּיץ געבליבן שטעקן אין איר האַרצן.

אַן אָפּגעשוואַכטע ביז ווייטיק האָט זי זיך שוין ניט געקענט ווערן, און נאָר געזונקען און געוועלקט, ווי אַ בלום, אין די אָרעמס פון פייער. אָוועקגעגעבן זיך דעם מורא׳דיקן, אַלץ פאַרצערנדיקן פלאַם, און נאָר די שוואַכע גלידער האָבן זיך געבעטן און געוויינט:

— פאַרצער מיך. לעש אויס דאָס ביסל לעבן אין די בלוטן, און גיי אַוועק. און גיי אַוועק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער איז אַוועק. און זי איז געבליבן ליגן אין די צעריסענע, צעפליקטע קליידער אויפ׳ן טעפּיך פון דיל.

אין פרומע שעה׳ען

ס׳איז שוין געווען אַ שפּעטע שעה. ס׳האָט שוין אפשר געטאָגט. און זי איז אַלץ געלעגן מיט אָפענע, ניט זעענדיקע אויגן. ניט געוואָלט זען. ניט געוואָלט הערן. ס׳איז בלויז אַ מורא געווען צו רירן דעם שוואַכן קערפּער און די מידע איינגעשלאָפענע גלידער. זיי האָבן ווי געטאָן.

עס איז געווען ליידיק דאָס האַרץ און די וועלט.

אונטער׳ן באַלקן האָט נאָך אַלץ עקשנות׳דיק געקלונגען דאָס צעשראָקענע פאַרשטיקטע:

— כאָם! ...

דער מידער קאָפּ האָט ניט געוואָלט פאַרנעמען יענעם קלאַנג. די מידע גלידער האָבן געבעטן רו און שלאָף און פאַרגעסונג.

פאַרגעסן זיך. פאַרגעסן זיך...

שטאַרבן.

ל. כאַנוקאָוו

די ליבע האָט געוויינט

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. דער פּאַרק איז געווען ליידיק. אַ גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין האָבן איבער דער ליינג און ברייט אַרומגעשפּאַנט מענטשן, קליין און פּרויס, יונג און אַלט. און איצט האָבן זיי אים פאַרלאָזן. איז ער געשטאַנען מיט זיינע ביימער און צווייגן, ווי אַ דרעמלענדיקער פויגל, וואָס האָט פון מידקייט אַראָפּגעלאָזן די פליגלען און געוואַרט ביז אין די צווייגן וועט דורכבלאָזן דער ערשטער מאָרגנווינטל און דאָס ערשטע פייגעלע וועט פון אַ נעסט באַגריסן מיט געזאַנג די טאָג־שטראַלן, די זון און דעם הימל.

איך בין געגאַנגען אַהיים פון אַ שפּעטן נאַכטיקן שפּאַציר. כ'בין געווען אַביסל דערהויבן און אויפגערעגט פון דער טויטער שטילקייט אַרום מיר. דער קאָפּ איז געווען ווי פאַר'שיכור'ט פון די רייכע נאַכטיקע ריחות און האָט געפלאָכטן שיכור'ע געדאַנקען. דאָס האַרץ האָט שטיל געגאַגט אַ זיסער טרויער.

פּלוצלונג האָב איך זיי דערזען. זיי זיינען אַרויס פון צווישן קוסטעם.

זי האָט מיט איין האַנט שוואַך געהאַלטן זיין אָרעם, מיט דער צווייטער — איר הוט. ביידנס טריט זיינען געווען וואַקלענדיקע, מידע. זיי זיינען געגאַנגען און געשוויגן. שווער און פאַר'עקשנ'ט.

איך בין געגאַנגען נאָך זיי. זיי האָבן זיך אויף מיר אַפילו ניט אומגעקוקט. זיי איז געווען אַלץ־איינס. און איך בין געגאַנגען און געקוקט אויף זייערע מידע פיגורן. געטראַכט: זאַרליבטע... און שטאַרק געוואָלט זען זייערע פּנים׳ער. אומבאַדינגט געוואָלט זען זייערע פּנים׳ער.

און אַזוי זיינען זיי, און אויך איך, אַרויס פון פּאַרק, צום שטאָט, צו די ליכטיקע, איינגעשטילטע גאַסן. ווייטע קלאַנגען, ווייטע גערוישן האָבן זיך פון ערגעץ ווייט דערטראָגן. אָבער דאָ, אויף די שטיינערנע טראָטואַרן, האָבן נאָר אונזערע טריט מאָדנע דייטלאָך אָפּגעקלונגען און פאַרשוואונדען אין דער שטילקייט.

איצט האָב איך זיי געזען. ביידע זיינען געווען יונג. זי — ניט עלטער פון זיבעצן, ער — ניט עלטער פון ניינצן. און דאָך אַזוינע אַלטע, אויסגעשעפּטע. פרעמדע איינער צום צווייטן.

אירע האָר זיינען געווען צעפּלאָנטערט, די אויגן אויסגעלאָשן, און דער גאַנצער קערפּער האָט אין די צעקנייטשטע קליידער אויסגעזען אַזוי צעקנייטשט און אויסגעמאַטערט...

ער איז קאַלט און לאַנגזאַם געגאַנגען לעבן איר. ניט געקוקט אויף איר. פּונקט ווי זי וואָלט דאָ ניט געווען. און זי איז האַרט לעבן אים געגאַנגען, געוואַקלט זיך אויף די הויכע קנאַפּל און מאָדנע ניט רעגלמעסיק, ביז ווייטיק ניט רעגלמעסיק, געקלאַפּט מיט זיי איבער די שטיינער פון טראָטואַר.

ביידע זיינען געווען ווי אַלטע, אָפּגעלעבטע מענטשן.

און איך האָב עפּעס נאָר פּלוצלונג דערפילט מיט מיין גאַנצן וועזן דעם שווערן טרויער, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זייערע טריט.

און נאָך האָט זיך געדוכט, אַז נאָך זיי איז נאָכגעלאָפן מיט צעפּלאָנטערטע האָר, אין צעריסענע קליידער, אַן אומגליקלאַכע, די ליבע, געצויגן זיך צו זיי מיט אירע פאַרבראָכענע הענט, געשריען און געוויינט:

— וואָס האָט איר מיט מיר, דער אומגליקלאַכער, געטאָן? פאַרוואָס האָט איר מיך פאַרפירט אין די פינסטערע קוסטעס, און געשענדט מיינע ריינע צאַפּלנדיקע גלידער און געלאָזן מיך שוין איצט אויף אייביק, אַ באַרויבטע, וואַגלען, ווי אַ שאָטן נאָך אייערע טריט? וואָס האָט איר מיט מיר געטאָן? וואָס האָט איר מיט מיר געטאָן?...

זיי זיינען באַלד אַריין אין אַקליין פינסטער געסל און זיינען פאַרשוואונדן פון מיין בליק. אָבער איך האָב געזען, ווי דאָס ווייענענדיקע געשטאַלט האָט זיך אַלץ נאָך זיי נאָכגעיאָגט מיט פאַרבראָכענע הענט און געקלאָגט, און גע'טענה'ט...

די נאַכטיקע גאַסן און אַלע ראָגן זיינען טרויעריקע געשטאַנען און נאָך לאַנג איינגעהערט זיך אין יענעם געוויין. און האָבן אים לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן.

איך בין אַ ווייַלע געשטאַנען, און בין אַ שווייַגנדיקער אַוועק צו מיין איינזאַמען ווינקל.

דאָס מיידל

די נאַכט איז — איר נאַכט. א גאַנצע נאַכט פאַר זיך. קיינער וועט ניט קומען שטערן איר רו. קיינער וועט ניט שטערן איר איינזאַמקייט. און דאָס, וואָס זי וועט טאָן וועט זיין פאַר איר אַליין. ניט שפּירן קיין פרעמדן בליק, קיין פרעמדן אָטעם — זיין אַליין !...

זי וועט צורוקן די בעט צום פענסטער, אָפּרוקן דעם טיש צום פּלאַץ, וואו די בעט איז געשטאַנען, און די שאַפע — אין א צווייטן ווינקל.

זאָל זיין אַנדערש.

זי וועט אויסבעטן די בעט מיט א ווייסן ריינעם ליילאַך, דעם טיש פאַרדעקן מיט א טישטוך, און אוועקשטעלן אין מיטן א וואַזאָן מיט פרישע בלומען.

וועלן פאַרשווינדן די געשטאַלטן פון אַלע נעכט. זי וועט זיי ארויסטרייבן פון איר צימער. זי וועט זיי פאַריאָגן פון איר לעבן. עס וועט ווערן גוט...

נאָר ער וועט בלייבן, דער, צו וועמען זי טוט תפילה יעדן אינדערפרי, ווען דער נייער טאָג קומט אָן, ווען די נאַכט פאַרשווינדט. ער איז אַלע מאָל מיט איר. ווען ס׳איז גוט און ווען ס׳איז שלעכט. אַלע מאָל. וואוהין זי זאָל ניט גיין, און וואָס זי זאָל ניט טאָן — איז ער מיט איר.

ער איז מיט איר, ווען זי טאַנצט דעם טאַנץ פון זינד און גאַסט־לעסטערונג, און איז מיט איר, ווען זי איז געבויגן אויף די קני צום דיל אין הייליקע תפילות ווי אַ נאָנע.

ווען זי זינדיקט הייבן אָן פון אַלע עקן פון דער וועלט צו טייטלען אויף איר דאַרע ציטערנדיקע פינגער מיט שאַרפע נעגל, פון אַלע עקן פון דער וועלט הייבן אָן ליאַרעמען און שרייען גיפ־טיקע קולות:

— זונה! זונה!... זונה!...

נאָר ער אַליין שטייט לעבן איר, אַזאַ נאָענטער, אַזאַ פאַרגיבנ־דיקער און קוקט איר אין די אויגן מיט אַ גוטן שמייכל, און אַ טרייסט:

— שרעק זיך ניט פאַר זייערע געשרייען... זיי ווייסן ניט. פאַרגיב זיי. זיי זיינען בלינד. זיי זעען ניט דיין גוטסקייט. זיי זעען ניט דעם שווערן קרבן וואָס דו ברייגנסט פאַר זיי... פאַרגיב זיי.

האָט זי דאָן קיין מורא ניט. און נאָר ווען זי בלייבט אַליין פאַלט זי צו צום האַרטן דיל מיט הילע קניען, לייגט צונויף די הענט אין הייליקער פאַרגעסונג, און זאָגט צו אים:

— גרויסער פאָטער, גוטער פאָטער. נעם פון מיר אַוועק מיין נשמה. נעם אַוועק... איך בין זינדיק. באַשיץ מיך און באַהיט. —

אירע ליפּן שעפּטשען הייסע ווערטער צו דעם שיצער און באַהי־טער פון איר לעבן. זי איז זיך פאַר אים מודה, זי איז זיך פאַר אים מתודה. זי וויינט אַרויס דעם צער פון ווייטיקדיקן האַרצן.

אָבער היינט, ווען זי אים, ווי אַ גאַסט, אויפנעמען אין איר צימער. ווי אַ גאַסט, באַגעגענען מיט ריינע שוועלן און אַן אָפּע־נער נשמה, און ווי צו אַ גלייכן זאָגן:

— קום אריין אין מיין לעבן, גוטער פאטער, קום אריין. מיין לעבן איז אנדערש. איך בין אן אנדערע...

אירע ליפן זיינען פרום צונויפגעלייגט, איר אטעם איז רואיק, דעם בליק איז יום־טוב׳דיק און ליכטיק, און די נשמה — אפן.

די נאכט — איז איר נאכט.

ניטא קיין פרעמדער בליק — —ניטא קיין פרעמדער אטעם.

ל. כאַנוקאָוו

אויפ׳ן גאַס

איך בין געגאַנגען איינער אַליין ביינאַכט.

עס איז שוין געווען נאָך צוויי. אויף די רוישיקע גאַסן איז געווען רואיק: עס האָבן ניט געשריען מיט זייער פוץ די וויטרינען און עס האָבן ניט געגלעט דעם בליק די פילפאַרביקע עלעקטרישע לאָמפּן און שילדן.

אָפּגעשטאָרבענער זיינען געווען די זייטיגע גאַסן. זעלטן האָט זיך דערטראָגן פון דערווייטנס פּלאָנטערדיקע טריט פון אַ פאַרשפּעטיקטן.

ביי יעדער באַגעגעניש פלעגט גאָר אומבאַוואוסט געבאָרן ווערן אין האַרצן אַן אומרו און אַ פאַרדאַכט — יענער וועמענס טריט עס פלעגט זיך רעגעלמעסיק דערנענטערן — איז געווען אַזוי פרעמד און פיינדלאַך, ווי אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט. צוקומענדיק נאָענט האָט מען לאַנג געקוקט איינער אויפ׳ן צווייטן, אַזוי ווי יעדער פון אונז וואָלט באמת געטראָגן אין האַרצן אַ שנאה פאַרבאָרגן אָדער אַ בייזן פאַרברעכערישן פאַרדאַכט...

איך האָב באַדאַרפט גיין אַ היבשע שטרעקע ביז צו מיין היים, אין אָרעמען, געדיכט־באַזעצטן קוואַרטאַל. די גאַסן זיינען געווען שוואַך באַלויכטן מיט איינצעלנע פאַנאַרן און פוסט — פונקט ווי אַלע וואָלטן דאָרטן אויסגעשטאָרבן.

פלוצלונג האָב איך דערהערט ווי עס האָט זיך מיט אַ לייכטן סקריפּ געעפנט אַ טיר. אַ יונגע פרויען פיגור אין אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל איז שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די דרויסנדיקע שטיגן און מיט שנעלע דערשראָקענע טריט אַוועק אין דער זעלבער ריכטונג, וואוהין איך בין געגאַנגען.

איך האָב געטראַכט: וואָס האָט זי געטריבן צו פאַרלאָזן דאָס הויז אַזוי שנעל?

פלוצלונג, גלייך ווי אימיצער וואָלט מיט אַמאָל אויפגעוועקט מיינע אַלע חושים — האָט מיר אַרומגעכאַפּט אַ רעגונג. עס זיינען פאַרשוואונדען — די מידקייט, די שלעפעריקייט, און אַנשטאָט דעם האָט זיך אָנגעצונדען אין ברוסט אַ ווילדער פאַרלאַנג נאָכצויאָגן די אומבאַקאַנטע, וואָס האָט זיך געוואָקלט פון שנעלן ניט רי‌טמישן גאַנג.

אפשר איז דאָס אַ טאָכטער, וואָס לויפט נאָך הילף פאַר דער שטאַרבנדיקער מוטער? לויפט אין דער נאַכט אַריין מיט שנעלע טריט, מיט ציטערדיקע טריט...

אפשר איז דאָס אַ מיידל, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַר־שפּעטיקט ביים געליבטן — לויפט זי נאָך אַ פאַרכישופטע, אַ שכור׳ע פון ליבע צו איר מיידלשען געלעגער פאַרטרויען די רעגונגען און סודות פון איר נאַכטיגער ליבע...

און אפשר איז דאָס אַ פרוי פון אַ מאַן, וואָס האָט זיך פאַר־זאַמט ביים געליבטן, און טראָגט נאָך אונטער אירע קליידער די וואַרימקייט פון פאַרבאָטענער ליבע צו איר מאַן־און ווייב געלעגער. זי וועט זיך שטיל אַריינשלייכן, ווי אַ גנב, אין איר שלאָף צימער

און וועט ביז אינדערפרי באוואכן די ווארימקייט פון איר געליבטנס בעט. ביז אינדערפרי . . .

און אפשר — א פראסטיטוטקע.

אַלץ איז מיט אַמאָל געוואָרן מעגלאך. עס איז ניט געווען קיין פארבאַטנס פאַר דעם אויפגעוואַכטן כח אין מיינע בלוטן. אַט וועל איך זי אָניאָגן, אַריינכאַפּן זי אין מיינע שטאַרקע אָרעמס, אריינשלעפּן זי אין א פינסטערן, טויבן ווינקל פון דער זייטיקער געביידע. זי וועט זיך רייסן, שרייען און א דערשראקענע, צאפּלען זיך אין מיינע הענט, ווי א געפאנגענע פויגל און איר געשריי וועט אָפּקלינגען שאַרף און יאָמערלאַך אין דער טויטער נאַכט אַריין, ווי דער געשריי פון אַ פארליבטער, עקשנות׳דיק פארפאלגטער קאַץ . . .

אָבער זי וועט זיין מיינע!

איך בין שוין געווען גאר נאענט לעבן איר. נאָך עטלאכע טראָט — און איך ין לעבן איר. איך האָב זיך אימפעטיק א לאָז געטאָן צו איר.

זי האט זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, נאענט צו מיר אויסגעדרייט איר פנים, דערשראקן אריינגעקוקט מיר אין די אויגן און נאכדעם מיט געבעט געזאגט:

— איך בעט אייך, פארפאלגט מיך ניט . . . איך בין ניט פון יענע . . . איך בעט אייך . . .

איר קול האט געציטערט.

איך האב אריינגעקוקט איר אין פנים: פארשלאָפענע און מידע אויגן, א צוקנייטשטער שטערן און א פרעמדע אזא . . . עפעס א פרווי אויף א וויסטער גאס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

א פארשעמטער בין איך אפגעטראטן. אין די אויערן האט מיר געקלונגען:

— איך בין ניט פון יענע... איך בין ניט פון יענע...

עס איז געווען אומעטיק און שטיל. און עס איז געווען פאר־דריסלאך: — זי איז ניט פון יענע...

אין דער אָפּערע

איך בין געווען אין דעם גרויסן אָפּערע טעאַטער.

הונדערטע מענטשן האָבן אַריינגעשטראָמט אין טעאַטער דורך אַלע טירן — צום פּאַרטער, צו די לאָזשעס, צום אַמפּיטעאַ־טער... אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן אַן אַנגענעמער אַראָ־מאַט פון פּאַרפומען.

שיינע פּרויען־קעפּ האָבן געלאַשטשעט און געצויגן דעם בליק, און האָבן אויסגעזען צווישן די טויזנטער מענטשן־קעפּ, אין אַלע ריכטונגען, ווי בלומען פון טויזנטער מינים אויף אַ גרויסן און באַזונטן פעלד.

און מאָדנע, עס איז עפּעס ווי גאָר ניט געווען קיין מיאוס'ע פרויען. יעדע האָט, ווי אַ בלום אין זונשיין, געהאַט איר אייגענע שיינקייט, איר אייגענעם חן...

די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע, אַ יום־טוב'דיקע.

פון אונטן, פון דאַרטן, וואו די מוזיקאַנטן פון אָרקעסטער האָבן געפּרואווט זייערע אינסטרומענטן, האָבן זיך געקייקלט און פאַרגאָסן דעם טעאַטער שטיקלאַך אָפּגעריסענע, אָבער „כישופ'דיקע מעלאָדיעס פון פלייטן און קלאַרנעטן, געמישט מיט פידל־טענער...

ס'איז געווען אזוי גוט, אזוי פריילאך און אומעטיק אויף דער נשמה.

איך האב שוין געהאט פארנומען מיין פלאץ. לעבן מיר איז נאך פארבליבן א ליידיקער פלאץ, און עס האט מיר איין ביסעלע פארדראסן, וואס לעבן מיר איז נאך דא א ליידיקער פלאץ...

און דאן — דאס איז אפשר געווען א מינוט איידער מען האט אויסגעלאשן דאס ליכט און ארויפגעצויגן דעם פארהאנג — האב איך זי דערזען פארנעמענדיק דעם ליידיקן פלאץ לעבן מיר.

אונזערע אויגן האבן זיך באגעגנט, און גלייך האט זיך דאס ליכט אין טעאטער אויסגעלאשן. — מיר זיינען געבליבן נאענטע.

איך האב זי שוין ניט געקענט פארגעסן.

אין דער טונקלקייט האב איך איר געשטאלט ניט געקענט זען דייטלאך. איך האב אבער איר נאענטקייט ניט געקענט פאר־געסן. איך האב איינגעאטעמט אין זיך די ווארימקייט פון איר קערפער און די דינגע פארפומען וואס האבן זיך געטראגן פון איר — און בין פאר'שיכור'ט געווארן.

זי איז געווארן מיינע. צוליב אונז האט געשפילט די מוזיק. צוליב אונז האבן די זינגער געזונגען, און צוליב אונז האט מען גע־שאפן די שיינע לעבנס־לעגענדע...

עס האט זיך געוואלט אנגעמען איר האנט און זאגן:

— איך וויל ניט וויסן ווער דו ביסט. דו ביסט נאענט מיר און טייער. טויזנטער יארן האב איך נאך דיר געבענקט און גע־ווארט ביז דו וועסט קומען אהער, געליבטע מיינע...

אזוי האט זיך געוואלט ריידן.

דער ערשטער אקט האט זיך געענדיקט. דאס ליכט פון טויזנטער לאמפן האט ווידער באלויכטן דעם טעאטער.

אפלאדיסמענטן. א באוועגונג פון טויזנטער קעפ.

די אילוזיע האט זיך איבערגעריסן...

טז״ט

אין פרומע שעה׳ען

מיין גאַסט

אין די שווערע האַרבסטלאַכע בין־השמשות׳ן קלאַפּט אימי־צער, אַ ניט־געבעטענער, אין מיין טיר, און, אַן אומזעבאַרער, גייט ער אַריין אין מיין צימער, זעצט זיך אַוועק קעגן מיר — און שווייגט.

און מיט אים אינאיינעם רוקט זיך אַריין אין צימער עפּעס שווערעס, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן, פאַרנעמט אַלע ליידיקע ווינק־לען, צעשפּרייט זיך איבער די ווענט, איבער׳ן באַלקן, פילט אָן די לופט — און הערשט.

ער זיצט און שווייגט.

ער איז גאָר נאָענט לעבן מיר. איך הער כמעט זיין אָטעמען. איך זע זיינע גרויע, אויסגעלאָשענע און אומבאַוועגלאַכע אויגן, וואָס האָבן ניט קיין אויסדרוק, וואָס קוקן טיף אין מיר אַריין — זיינע אויגן וואָס דערמאָנען אַזוי דעם טויט... און איך ווייס ניט ווער ער איז און נאָך וואָס ער איז געקומען.

ער זיצט און שווייגט, און זיין שווייגן איז דאָס שווייגן פון אַן אָפּגרונט, וואָס איז פול מיט בייזע עקדישן און שלאַנגען, וואָס זיינען אויף אַ רגע איינגעשלאָפן. אָט וועט זיך איינער פון די שרצים אַ הויב טאָן, זיך אַ באַוועג טאָן—און איינער נאָכ׳ן צווייטן, וועלן אַלע אָנהויבן צו קריכן, פלעכטן זיך און שלייכן מיט זייערע גלי־

טשיקע לייבער, איינער איבער'ן צווייטן, איינער איבער'ן צווייטן, אין אַ בייזן און טויט־טראַגענדן כאַאָס און דאָס שווייגן וועט זיך איבעררייסן און עס וועט ווערן אַלץ מיט אַמאָל פאַרשטענד־לאַך, פאַרשטענדלאַך ביז אַ שרעק און משונעת.

איך וויל אים פרעגן: — נאָך וואָס ביזטו געקומען? — האָב איך מורא. ווייל קאַלט און פינסטער איז אין דרויסן, ווי אין אַ נאַסן קעלער, און עס רייסט זיך צום פענסטער מיט אַ וואָיען דער ווינט — און ברעכט די לאַדנס. און עס דוכט זיך: גרויסע מחנות אומזעבאַרע שונאים האָבן מיין הויז באַלאַגערט, שפּאַרן זיך פון אַלע זייטן, קריכן איבער'ן דאַך, איבער די ווענט, קריכן דורכ'ן קוימען, — ווי זאָל איך אים פרעגן? ווי זאָל איך אים פרעגן?

ער זיצט און שווייגט. און איך פיל: עס לייגט זיך זיין שווייגן אויף מיין האַרץ, ווי אַ קאַלטער, שווערער שטיין — און פּרעסט, און דריקט...

שטיל און דערשראָקן, פרעג איך:

— פאַרוואָס שווייגסטו?

ער ענטפערט ניט.

— פאַרוואָס זאָגסטו ניט עפּעס? אָט ביזטו געקומען — און דו שווייגסט. פאַרוואָס שווייגסטו?

ער ענטפערט ניט. איך ווער אַנשוויגן. מיר זיצן ביידע פאַר־עקשנ'ט אין אונזער שווייגן. איינער קעגן דעם צווייטן, קוקן איי־נער דעם צווייטן אין די אויגן. איך — אין זיינע גרויע, אומבאַ־וועגלאַכע און קאַלטע, ווי דער טויט. ער — אין מיינע, וואָס זיי־

נען פול מיט א האס, וואס איז שטארקער פון טויט...

נאכדעם האלט איך ניט אוים:

נאך וואס ביזטו געקומען, זאג? ! — שריי איך אויסער זיך פון כעס, און עס ווילט זיך אננעמען אים פאר׳ן גארגל — און ווערגן, און ווערגן אן אן אויפהער, אן א סוף. איך מאך א באַוועגונג פאראוים — איך קאן זיך ניט רירען. אזוי ווי אין שווערע קייטן איז איינגעשמידט מיין גוף, איך פרואוו זיך רייסן מיט די לעצטע כוחות — זיינען מיינע גלידער ווי אין שווערן בליי איינגעטונקט... און עפעס ווי הארטע, שטארקע פינגער וואלטן איינגעקלאמערט מיר מיין האלז — און ווערגען, ווערגען... גאט! ...

איך הער זיך איין:

אימיצער לאכט... און דאס געלעכטער וואקסט און מערט זיך פון יעדן טויטן שארד, פון יעדן טוטן קלאנג — און עס שאַקעלט זיך די לופט פון א ווילדן קייכן.

און איך בין הילפלאז, ווי א קינד, און דערשראקן ווי א קינד. אין אן ענגער תפיסה איז מיין גייסט געפאנגען. וואס זאל איך טאן? וואס זאל איך טאן? ... — — — — — — — — — — —

נאכדעם פארשווינדט אלץ, ווי א חלום. איך ווארף א בליק אויף זיך אין שפיגל. נייע קנייטשן אויף מיין שטערן, נייע גרויע האר אין קאפ, און דער קערפער איינגעבויגן, און די הויט איז איינגעשרומפן — און די אויגן אויסגעלאשן.

די נאָנע

עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אַז איך שטאַרב.

איך ליג אין אַ גרויסן שפּיטאָל. אַרום מיר שטייען לאַנגע רייען בעטן. אַלע בעטן זיינען ליידיק, און איך ווייס: דאָס זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן.

נאָר איך אַליין בין נאָך געבליבן לעבן. און איך אַליין, — דער לעצטער —, וועל אויך באַלד דאַרפן שטאַרבן.

ס׳איז מיר קאַלט און שווער. איך בענק נאָך עפּעס. איך בענק נים נאָכ׳ן לעבן, וואָס איז געווען אַזוי שיין, און איך באַדויער ניט מיין שווערן שיקזאַל און באַוויין ניט מיין פריציייטיקן טויט. איך בענק נאָך עפּעס, אָבער איך ווייס ניט נאָך וואָס.

קיינער איז לעבן מיר ניטאָ. און קיינער וועט צו מיר ניט קומען. איך זוך מיט די לעצטע שטראַלן פון מיין מאַרך: —

ו ו ע מ ע ן און ו ו אָ ס האָב איך געהאַט?

האָב איך גאָר קיין ברודער ניט געהאַט, וואָס זאָל קומען צו זיין ברודער׳ס טויטן־בעט?

האָב איך קיין געליבטע ניט געהאַט, וואָס זאָל לייגן בלומען אויף מיין פרישן קבר? —

פאַרוואָס בין איך אַליין?

איך פּרואוו שרייען און רופן. עס דאַרף דאָך אימיצער דער־הערן. אימיצער דאַרף זיך דאָך אָפּרופן.

קיינער ענטפערט ניט אפ. שווער און פינסטער הייננט דאס שווייגן איבער די ווענט און באלקן. דאס שווייגן פון טויט. ווייל עס זיינען געשטארבן די, צו וועמען איך שיק מיין לעצטן רוף. דעם רוף פון מיין צעבראכן הארץ.

און פלוצלונג, ווי א זעאונג, איז פון ערגעץ צו מיר געקומען א געשטאלט, האט זיך אוועקגעשטעלט ביי מיין צוקאפנס. שטייט און שווייגט.

איך קוק זיך צו — א נאנע. לאנגע, שווארצע קליידער, שווארצע שלייערן און טוניקן, און א שווארצער קרעפ לויפט און לאזט זיך ארום איר אראפ צום דיל מיט שווארצע כוואליעס, און פארוויקלט אלץ ארום מיר, און הויבט זיך אן צו ציען אן א סוף, פארשלייערט מיט זיין טרויער ערד און הימל...

אויף איר בלייכן פנים ליגט א טיפער טרויער. פון אירע אויגן קוקט אויף מיר אראפ א טיפער צער. די ליפן, בלייכע, זיינען אומבאוועגלאך, פארזיגלט מיט א טויטן שווייגן.

— ווער ביסטו?

א שטילער זיפץ:

— איך בין דיין געליבטע.

— פון וואנען קומסטו?

— פון די טיפענישן פון דיין הארצן קום איך.

— אבער מיין געליבטע איז געווען א זונה!?

— איך בין א זונה.

— דו ביסט א נאנע, א הייליקע.

— איך בין דיין געליבטע.

— נאך וואס ביסטו געקומען?

— צו געבן דיר מיין לעצטן קוש, בין איך געקומען.

— ביסט דאָך אַ נאַנע. דיין האַרץ און דיין נשמה האָסטו פאַרברענט אויפ'ן מזבח פון דיין גאָט. דיין קוש וועט זיין זנות און גאָט־לעסטערונג.

— דו ביסט מיין גאָט. צו דיר האָב איך געבראַכט מיין נשמה און מיין האַרץ אַלס קרבן. איך האָב דערהערט דיין רוף — בין איך געקומען געבן דיר מיין לעצטן קוש.

— איך וויל ניט שטאַרבן! דו הערסט: איך וויל ניט שטאַרבן!...

זי ניט מיר איר ווייסע, בלייכע האַנט, וואָס איז קאַלט.

— דיין האַנט איז קאַלט.

— מיין האַנט איז קאַלט...

זי בויגט זיך איין איבער מיר און קושט מיט קאַלטע בלייכע ליפּן מיין קאַלטן בלייכן שטערן. פון אירע אויגן לויפן איבער די באַקן שטראַמלאַך טרערן. פאַלן אויף דעם קרעפּ פון אירע קליי־דער.

זי קושט מיך דריי מאָל. איך קוק זיך איין אין איר:

— גאָט! דו ביסט טויט!...

— איך בין געשטאַרבן. אין דיין האַרצן בין איך געשטאַרבן.

זי זאָגט עס און פאַרשווינדט. און אויפ'ן פּלאַץ, וואו דאָס געשטאַלט איז ערשט געשטאַנען, איז פאַרבליבן נאָר דער קרעפּ.

און אָט דער קרעפּ ציט זיך אָן אַ סוף, ציט זיך, ציט זיך און פאַרשלייערט מיט זיין שוואַרצקייט אַלץ אַרום, און פאַרדעקט דעם הימל און די ערד.

טויט.

מיר וועלן שטאַרבן

דו וועסט שטאַרבן. דו וועסט שטאַרבן...

לאָז מיך פאַלן אויף די קני און אָנרירן דיין האַנט אין הייליקער באַרירונג.

צווישן מיר און דיינע אויגן איז אַ פאַרבאַרגענער געוועב — ווי צווישן טויט און לעבן. רייס אויף אַט דאָס געוועב, און קוק אַריין אין מיינע אויגן מיט דיין טויט. טו אַ קוק — און ווער אַנטשוויגן.

איך וויל שטאַרבן. איך וויל מיט דיר אינאיינעם שטאַרבן.

טו אַ קוק און ווער אַנטשוויגן. לאָז אַראָפּ די בלאַסע אויגן־בלעקלאַך איבער דיינע שטומע אויגן. שליס צוזאַמען דיינע דינע ליפּן. ווער אַנטשוויגן.

שטיל און שטילער.

וועל איך אויך אַנטשוויגן ווערן. שטומען מיט דער שטומקייט פון דיין טויטן פּנים. שווייגן אַ שטומען און אַנגסטיקן שווייגן.

שטיל און שטילער.

ניט באַוועג די שטילקייט, ניט דערשרעק די רו מיט דעם שוועבן פון אַ וואָרט.

ביז דער טויט וועט בענטשן אונזער ליבע.

ביז דער טויט וועט בענטשן אונזער שטאַרבן.

שטילער. שטי־לער...

ש־ט־י־ל־ע־ר...

ל. כאַנוקאָוו

שנאה

מיר זיינען בלוטיקע, טויטליכע שונאים.

קוק מיר אין די אויגן. שווייג. טיף און געהיימניספול. דו ביסט שטאַרקער. דו וועסט זיין דער זיגער.

גיב אַקוק נאָך טיפער: וועסטו צעברעכן דעם כוס פון מיינע סודות, צעגיסן דעם וויין פון מיין אייביקער בענקשאַפט. וועסט אַוועקרויבן מיין רו אויף אייביק. אויף אייביק...

פאַרוואָס קוקסטו ניט אין מיינע אויגן?

גיב אַ קוק — און הרג'ע מיך מיט דיינע אויגן.

אַבער גיי ניט אַוועק מיט פאַראַכטונג.

ווילסט? — און איך וועל זיין דיין קנעכט. אַ געהאַרכזאַמער וועל איך זיך שלעפּן נאָך דיינע טריט און געהאַרכזאַם פאָלגן די באַפעלן.

קוק מיר אין די אויגן. טיף און געהיימניספול. טראָג מיך דורך אויף דיינע פילגלען איבער דיינע תהומ'ן. אין לעצטן פאַרטוויטליכן ציטער וועל איך אפשר שרייען צו דיר און בעטן:

— לאָז מיך אָפּ. איך האָב מורא, לאָז מיך אָפּ!...

און דו: לאָז ניט אָפּ. טראָג מיך ווייטער, טיפער. ביז דעם לעצטן, פאַרטוויטליכן אָטעם.

מיר זיינען בלוטיקע, טויטליכע שונאים.

קוק אַריין אין מיינע אויגן.

איך האָב ליב דעם גרויל פון דיינע אויגן.
איך האָב ליב דעם סם פון דיינע אויגן.
איך האָב ליב דעם טויט אין דיינע אויגן.
איך האָב דיך ליב.
איך האָב מורא פאַר דיר — אַזוי האָב איך דיך ליב.
איך וויל דיין גרויזאַמקייט — אַזוי האָב איך דיך ליב.
איך וויל דיין טויט.
ווייל איך האָב דיך ליב.
קוק אַריין אין מיינע אויגן.
קוק אַריין . . .

דער אָבל

מיט שטילע טריט נידערט אַראָפּ די נאַכט צו דער ערד, צו די איינזאַמע, פאַראומערטע געצעלטן מיינע.

איך באַגריס דיין קומען, נאַכט.

קום אַראָפּ און לעש דאָס לעצטע ליכט אין מיינע אויגן אויס. לעש אויס דעם קנויט פון לעצטן דמיון אין מיין מאַרך, און לאָז מיך אויסגיין, אַ רואיקן, אונטער דיינע פליגלען.

דורך פאַרבאָרגענע און ווייטע וועגן וועט דער טויט צו מיר אַראָפּאײַלן.

און אַלץ איז גרייט שוין פאַר זיין קומען.

אַלץ איז שוין פון פריער צוגעגרייט: דער אָרון און די טהרה וואַרטן ביי מיין טיר. און אַז אָפּענע, אין די טיפקייט פון דער ערד, ליגט פאַר מיר אַ גרוב אַז אויסגעגראָבענע, און ס'ליגן שערב־לאַך צוויי פאַר מיינע אויגן. און תכריכים פון אַ ווייסן לייוונט הייגגען ביי מיין בעט.

אַלץ איז גרייט.

נאָר קיין ווײַנער וועלן ניט באַטרעטן מיינע שוועלן און קיי־נער איז ניטאָ וואָס זאָל אָפּריכטן, אַ פרומער, איבער מיר דעם לעצטן ריטואַל. און קיינער איז ניטאָ צו זאָגן קדיש.

דער טויט אַליין וועט מוזן וויינען אויף דער איינזאַמקייט

פון מיינע לעצטע רגע׳ס, און זאָגן איבער מיר דעם ערשטן קדיש, און פירן מיר צום אָרימען בית־עולם הינטער׳ן שטאָט, ברענגען מיך צו קבורה.

מיט טריט געמאָסטענע וועט שלעפּן איבער נאַכטיקע וועגן דאָס שטומע פערד מיין אָרון. און אָבל׳דיק, מיט׳ן קאָפּ געבויגן, וועט אים נאָכגיין געטריי מיין נאָענטסטער — דער טויט — באַגלייטן מיין געביין צו לעצטער רו.

ביים ברעג פון קבר וועט ער רייסן קריעה, און וועט אָפּריכטן געטריי דעם לעצטן ריטואַל און אָוועקלייגן אין פרומער ליבע אויפ׳ן זאמד פון קבר אַ קראַנץ פון שווארצע בלומען.

נאָכדעם אומקערן זיך מיט אָבל׳דיקע טריט צו די פאַראיינזאַמטע געצעלטן מיינע, אומקערן די שפּיגלען צו די אָפּגעקילטע ווענט, פאַרציען אַלע לאָמפּן מיט אַ שווארצן קרעפּ און באַטוליען מיט שווארצע טיכער אַלע ליכטיקע, נאָך לעבעדיקע ווינקלען.

און אַז אַלץ וועט זיין געהילט אין טרויער, וועט ער זיך זעצן אין די זאָקן אויפ׳ן קאַלטן דיל, אָפּזיצן נאָך מיר די לאַנגע אָבל׳דיקע שבעה־טעג, און זאָגן יעדן טאָג דעם קדיש.

ער וועט טרויערן, דער טויט.

ער וועט טרויערן.

דער טויט, די באַרמהאַרציקע שוועסטער און דער קראַנקער

ס'איז געווען אַ שיינער פרימאָרגן. די וועלט האָט געבליט. אַלץ האָט געשפּראָצט, געלאָזן וואָרצלען אין'ם האַרץ פון דער ערד און געצויגן זיך, געצויגן אין גרויסער ליבע צו די שטראַלן פון דער זון.

געוואָלט לעבן.

די לופט איז געווען טרוקן און פול מיט קלאַנגען. די גראָזן זיינען געווען נאָס פון די נאַכטיקע טויען — האָבן ניט געוואָלט די קלאַנגען פאַלן צו דער פייכטער ערד, און שטאַרבן. זיינען זיי געהאַנגען אין דער לופטן, ווי לעבעדיקע וועזנס — געוואָלט לעבן.

ס'איז געווען אַזאַ מאָדנע יאָגעניש נאָך לעבן.

— לעבן! לעבן!

און נאָר דער קראַנקער, לעבן פענסטער, האָט געקוקט, אַ בלייכער, אין דער ליכטיקער וועלט אַריין, ניט געזען איר ליכטיקייט, ניט געפילט דאָס לעבן אַרום. און האָט ניט געוואָלט לעבן. דער קאָפּ איז געווען שווער און דאָס ליכט פאַר די אויגן — גרוי. פון דעם וואָס

אַלע וועלן בלייבן לעבן, און ער וועט שטאַרבן.

— אַלע וועלן בלייבן לעבן, און איך וועל מוזן שטאַרבן.

אַזוי האָט אימיצער אין אים גערעדט טאָג־איין, טאָג אויס.

א בייזער האָס האָט געשטעקט פאַרבאָרגן אין זיין האַלז, ער־געץ אונטער׳ן גאָרגל, און האָט געוואָרגן. ניט געלאָזט זיך אַרונ־טערשלינגען.

ניט ווייט פון קראַנקען איז געזעסן די באַרמהאַרציקע שוועס־טער. זי האָט צו דער שעה צוגעטראָגן אים די רפואות, און מיט אַ קאַלטן גלייכגילטיקן פּנים געוואַרט ביז ער וועט אויסטרינקען און פאַרקרימען זיך פון ביטערקייט און, אַ בייזער, אָפּקערן פון איר דעם אויסגעלאָשענעם בליק.

נאָכדעם האָט זי זיך אָוועקגעזעצט טראַכטן אירע אייגענע פרימאָרגנדיקע געדאַנקען. ס׳איז איר געווען אומעטיק מיט׳ן קראַנ־קען. ערגעץ איז אין האַרצן געווען אַ פאַרלאַנג, אַז ער זאָל שנעלער שטאַרבן.

ער מוז דאָך סיי ווי שטאַרבן.

פאַר אַלעמען און פאַר אַלץ האָט זי געהאַט אַזוי פיל ליבע און רחמנות — און פאַר אים איז קיין זאַך ניט געווען אין איר האַרצן. נאָר אַ טעמפּע, אַ קאַלטע גלייכגילטיקייט האָט גענאָגט:

— ער וועט דאָך סיי ווי מוזן שטאַרבן.

אַביסל ווייטער. לעבן בעט. איז געלעגן אויסגעצויגן, ווי אַ הונט, דער טויט, און מיט פאַרגליווערטע אויגן געקוקט אין טעמ־פּער וואַכזאַמקייט פון אונטן אַרויף, אָפּגעהיט אַ יעדן ריר און קער פון קראַנקען.

דער ליכטיקער, זוניקער פרימאָרגן האָט גערופן צו פעלדער און ווייטקייטן. און די דריי — דער קראַנקער, די שוועסטער און

דער טויט — האָבן געדולדיקע געוואַרט אויף אַ לעצטער שעה. און די שעה איז לאַנגזאַם געקראָכן פון ערגעץ, און געטראָגן באַפריי־אונג צו דרייען — צום קראַנקען, צו דער מידער שוועסטער און צום טויט.

די געהיימנים

אַ מענטש איז געפאַלן אויפ׳ן נאַסן קאַלטן טראַטואַר. אַ שכור׳ער, אַ דערפראָרענער. בלוטיקט דער קאָפּ פונ׳ם פאַל אָן די שטיינער. נאָגט דער קערפּער. נעבלט דער מאַרד. און עס טונקלען זיך אין די שטאַרע אויגן:

שטומע, בלינדע, טויבע ווייטקייטן. פינסטערניש און אומרו. און אין דער פינסטערניש פון אייביקער נאַכט קאַרטשעט זיך און יאָמערט אַ האַלב — נאָך ניט באַשאַפענע, אין אָנהויב פון באַשאַפן — אַ פאַרשאָלטענע באַשעפעניש. פּויזעט, אַ פאַרבלוטיקטע, און שלעפּט די רויע אברים איבער שאַרפע שפּיצן פון האַרטע פעלזן. און אין די פאַלדן פון רויען קערפּער, ווי אין שווערע קייטן ליגט אַן איינגעשמידטער. אַן אָפּגענאַרטער גאָט.

בע־בע!... אַ גאָט!... בענקט דער גאָט נאָך ליכט און הויכע רוימען. בענקט נאָך אָדלער־פליגל אָון אַ ווייטן בליק.

(זאָלן בלינדע ווייטקייטן זען די וואונדן זיינע. זאָלן טויבע ווייטקייטן הערן זיין גֶעשריי. זאָלן שטומע ווייטקייטן ענטפערן מיט אַ שאַלן פון דעם שופר של משיח... גאָט!)

און קיינער איז ניטאָ. קיינער ווייס ניט פון זיין גרויסן צאַר.

ווייל שטום און בלינד און טויב זיינען די ווייטקייטן, און אַן אומגעהייער גרויסע, אַן אומגעהייער שווערע, קוקט אַראָפּ מיט

גרויסע שטאַרע אויגן — די געהיימנים. קוקט טויזנ־טער יאָרן, און זעט ניט, און פינטלט ניט, און מאַכט ניט צו די אויגן, און קוקט און קוקט, און וויים אַלץ.

בע־כע! — זי וויים אַלץ... די בלינדע שטראַלן פון אירע אויגן האָבן שוין אויסגעלאָשן אַלע זונען, און פאַרפינסטערט אַלע וועלטן אין דער פינסטערניש פון אייביקער נאַכט — באַזעצט די מורא און די שרעקן.

נאַר ער, דער מענטש אויפ׳ן טראָטואַר, וויים: קיין מורא איז ניטאַ, און קיין שרעקן זיינען ניטאַ, און עס האָט ניט די געהיימנים קיין אויגן —

ווייל שטום און טויב און בלינד זיינען די ווייטקייטן.

מיינע אבות

זיי וועלן אויפשטיין. זיי וועלן אויפשטיין פון קברים צו באַ־הייליקן מיין שטאַרבן, מיינע אבות.

געמאַסטענע אין רייען וועלן זיי באַטרעטן מיינע שוועלן, און שטעלן זיך אין רייען צו הייליקן מיט תפילות מיינע לעצטע שעה׳ן.

עס וועט פוצן מיך דער טויט אין זיינע קליידער, און לאָזן מיך, אַ וואַכן, וואַרטן אויף דעם גרויל פון זייער קומען.

איך וועל וואַרטן.

טויטע רו און טויטע שטילקייט וועט באַגריסן זייער קומען, ווען זיי, געמאַסטענע אין רייען, וועלן קומען בוקן זיך און פאַלן פאַר מיין טויטן פּנים. וויים־ביינקיע סקעלעטן וועלן שאָמקען מיט די שוואַרצע מיילער איבער מיר אַ תּפילה און באַרירן מיט די בייר־נערדיקע פינגער מיין פאַרהייליקטן תכריכים־בגד.

אָן צער אין די ביינערדיקע אויגן־לעכער, און אָן רחמנות, וועלן זיי זיך בוקן צו מיין פּנים און שטילע, אָן אַ צער און אָן רחמנות, געמאַסטענע אין רייען, קושן מיט די שוואַרצע מיילער מיין אַנטבלויזטן קאַלטן שטערן, און אַוועקגיין, געמאַסטענע אין רייען, צוריק צו זייער רו.

נקמה

צווישן אומגליקלאַכע איז ער געווען דער אומגליקלאַכסטער. צווישן איינזאַמע — דער איינזאַמסטער. ער איז געווען אַ שטילער, אַ גוטער, אַ צוריקגעצויגענער, געערדט שטיל. געקוקט הכנאה׳דיק. הייראַט איז געווען זיין טרוים. און אַז ער האָט געהייראַט האָט ער די פרוי אַזוי געליבט, האָט זי אַרומגערינגלט מיט אַזאַ נשמה׳דיקייט, אַז אַלע אירע קאַפּריזן זיינען געוואָרן געזעצן פון זיין לעבן.

ער האָט געלעבט אָרעם, און זיין פרוי האָט פיינט געהאַט זיין אָרימקייט. האָט זי אויך אים פיינט געקראָגן.

ער האָט ליב געהאַט די שטילע היים, די רואיקע פאַרנאַכטן, געזוכט זיין גליק אין די היימישע פיר ווינקלען. זיין פרוי האָט פיינט געהאַט די היים, האָט זי אויך אים פיינט געקראָגן, און איז אַוועק מיט אימיצן פון דער ברייטער וועלט, געלאָזן אים אַליין מיט זייער קליינעם איינגעלע, אַ קינד פון דריי יאָר.

שווער איז געווען זיין אומגליק. ביטער איז געווען זיין צער. אָבער שרעקלאַכער פון אַלץ איז געווען דעם קינד׳ס בייַנקען נאָך דער מוטער. שעה׳ן לאַנגע האָט דאָס קינד געוויינט און אין זיין גרעניצלאָזן טרויער גערופן:

— מאַמע!... מאַמע!... מאַמע!...

זיין קול האָט זיך געצויגן לאַנג און טרויעריק, ווי אַ לויה און

האט גערופן פון אלע ווינקלען פון דער פאראיינזאמטער הויז גע־שטאלטן פון ביטערן עלנט.

אין דרויסן איז געווען א קאלטער ווינטער־טאג. שווערע וואל־קנס האבן זיך געצויגן איבער׳ן הימל און האבן מיט שווארצע שאטנס אראפגעניידערט צו דער פאראימטער ערד, געפויזעט און געקראכן דורך פארמאכטע פענסטער אין הויז אריין צו די פאר־לאזענע — צום פאטער און קינד...

און דאס קינד האט יאמערדיק און ביטער געוויינט. געוואלט זיין מאמען:

— מאמע!... מא־מע!...

דער פאטער האט גענדריקט דאס קינד צום הארצן, געקושט און געבעטן זיך, ווי ביי א גרויסן:

— וויין ניט, מיין קינד. — וויין ניט!... זי וועט נאך צו־ריקקומען די מאמע. זי איז דאך א גוטע, די מאמע. זי וועט קומען — צו דיר און צו מיר... צו דיר און צו מיר... און לייגן דיך אין בעטעלע — ביי־ביי, און זינגען דיר א לידעלע — ליו־ליו...

דאס קינד האט געקוקט מיט בייזע און פארוויינטע אויגעלאך אויפ׳ן פאטער, געטופעט מיט די פיסעלאך און אלץ ניט אויפגע־הערט צו ציען זיין קלעגלאכן, און שווערן, ווי אליין דער טויט ניגון:

— מאמע!... מא־מע!... מאמע!...

דער פאטער איז געשטאנען איבער׳ן קינד א הילפלאזער און א פארלוירענער און אין זיין גרויסן צער געטראכט: וואלט זיין קינד געבעטן דאס הארץ, וואלט ער דאך מיט זיינע אייגענע הענט ארויסגעריסן פון ברוסט דאס קראנקע הארץ, און וואלט עס אים

אוועקגעגעבן. וואָלט דאָס קינד געבעטן די שוואַרצאַפּלען פֿון זיינע אויגן, וואָלט ער זיי אים אוועקגעגעבן פֿאַר אַ שפּילצייג... זאָל עס נאָר אויפֿהערן צו רופֿן זיין מוטער.

דאָס קינד האָט אָבער ניט אויפֿגעהערט צו וויינען און מאָנען פֿאַר'עקשנ'ט זיין מוטער:

— מאַמע! ... מאַ־מע! ...

דעם קינדס געוויין האָט ווי אַ קאַלטע גיפֿטיקע שלאַנג גע־וויקלט זיין האַרץ. ס'איז געווען מורא'דיק צו הערן דאָס געוויין פֿון קינד. אין יענעם געוויין איז געווען דאָס געוויין פֿון זיין אייגן האַרץ, וואָס האָט געמאָנט אינאיינעם מיט'ן קינד:

— מאַמע... מאַ־מע! ...

פּלוצלינג האָט ער געזאָגט — צו זיך און צום קינד:

— שווייג! ... הערסט? — שווייג! זי וועט ניט קומען. זי וועט שוין קיינמאָל ניט קומען... זי איז אַ שלעכטע, דיין מאַמע. זי איז אַ...

און ער האָט געזאָגט דאָס שרעקלאַכע וואָרט. און אַז ער האָט עס געזאָגט — איז שוין אַלץ געווען פֿאַרפֿאַלן. ליכט און שאָטנס האָבן זיך צעמישט. אין די אויפֿגעפּלאָמטע בלוטן האָט עפּעס מיט אַ שרעקלאַכן געשריי געשריען:

— נקמה! ... נקמה! ...

ס'איז ניט געווען פֿון וועמען די נקמה צו נעמען, סיידן פֿון זיך אַליין. אָט אַזוי, איינגראָבלען זיך מיט ביינערדיקע שטייפֿע פֿינגער אינ'ם אייגענעם האַלז, צוזאַמענדריקן דעם גאָרגל מיט די קאַלטע פֿינגער, און ווערגן, ווערגן, ביז משוגעת, ביז פֿאַרגעסונג, ביז'ן לעצטן מענטשלאַכן געגום...

ניין, ניט זיינע הענט האבן עם צונויפגעדריקט דעם שוואכן גארגל פונ׳ם קינד. ניין! ניט ער האט דאס געטאן. אימיצער, א שרעקלאכער, האט זיך איבער אים אליין אוועקגעשטעלט און האט זיך מיט קאלטע און ציטערדיקע פינגער איינגעגראבן אין זיין גארגל און געשטיקט און געווארגן און ניט געוואלט אפלאזן, און נאר הינטער אים, גאר ווייט, האט אימיצער מיט׳ן לעצטן אטעם גע־שריען און געליארעמט:

— מערדער!... מערדער!... מערדער!...

ס׳איז געווען נאך אלעמען. א ביטערע ספאזמע האט געווארגן דעם האלז און געשטיקט דעם אטעם. אבער אין די ווינקלען און אונטער׳ן באלקן און פון אומעטום האט נאך יאמערדיק גערופן דעם קינד׳ס געוויין:

— מאמע!... מא־מע!... מאמע!...

און אים האט זיך נאך אלץ געוואלט זאגן:

— קינד מיינס, וויין ניט! זי וועט נאך קומען, דיין מאמע! זי וועט נאך צו אונז קומען. און זי וועט לייגן דיך אין בעטעלע שלאפען — ביי־ביי!... און זי וועט דיר זינגען א לידעלע — ליו־ליו!...

אימיצער האט בייז און קייכנדיק ארויסגעלאכט פון ווייטן ווינקל:

— ס׳איז ניטא פון וועמען די נקמה נעמען. סיידן פון זיך.

האט מען געפונען דאס קינד אין וויגעלע, א טויטן.
האט מען געפונען דעם טאטן א געהאנגענעם אין אלקיר.

ל. כאַנוקאָוו

* * *

ער וויל ניט שטאַרבן. יאָמערט ער שטיל און הכנעה'דיק:
— גאָט, גרויסער גאָט, איך וויל ניט שטאַרבן! ...

פאַלן זיינע ווערטער, טויטע, לעבן אים. און גייען אויס, ווי עס גייען אויס די דופטן פון א טויטער בלום:

— איך וויל ניט שטאַרבן!...

א דירמל מאַכט צו די אויגן־דעקלאַד, צוגייט זיך מיט א זיסן ציטער איבער אַלע אברים און לויפט אימפּעטיק פון מארך צו די שפּיצן פון די פיס־פינגער:

אַזוי יאָמערט א שוואַך פלעמעלע ווען עס וויל ניט אויסגע־לאָשן ווערן:

— איך וויל ניט שטאַרבן!...

— איך וויל ניט שטאַרבן!...

אַזוי יאָמערט שטיל און הכנעה'דיק א גרעזל אין מיטן פון א וויסטן פעלד, ווען עס שפּירט דעם קאַלטן אָטעם פון ווינטער:

— איך וויל ניט שטאַרבן!...

פון אַלע איינגעקלאַמערטע צעדריקטע אברים שרייט ארויס און יאָמערט דאָס שטילע געשריי:

— איך וויל ניט שטארבן!...

עס וואקסט זיך פאנאנדער, ווערט תפילה'דיק און ווערט צארנ־דיק דאס געשריי. עס שרייען ערד און הימל.

א לעצטן פארטוויטלאכן געשריי:

— איך וויל ניט שטארבן!...

אין דער לעצטער שעה

... עס שטארבט די וועלט. לעצטע שיטערע טומאנען שפרייטן זיך איבער בערג און טאלן, דרייען זיך אין קנוילן, קריכן אום ווי אלטע, שוואכע וועזנס צווישן פעלזן, דראפן זיך אויף בוימער, פויזן איבער שפיצן פון בערג — און פארשווינדן פון די הימלען.

עס טרוקנט די לופט און ווערט דורכזיכטיק, ווי א גלאז. א בלויע דעמערונג באפארבט דאס גלאז — און ס'ווערט טונקעלער, טונקעלער...

עס קרעכצט די ערד. א קאלטע נאכט קומט אן. א פראסטיקע. שמידט איין אין שטאל די ערד און די וועלט. שמידט איין אינ־איינעם — דעם הימל און די ערד, די כוואליעס אין ים מיט די פעלזן אויף די בערג.

איינגעשמידטע, ברויזן ניט די כוואליעס, רוישן ניט די וועל־דער, און שווייגן מיט'ן שווייגן פון די בערג. און עס ווערט דער פראסט אלץ שטארקער, און די נאכט — געדיכטער. און עס לעשן זיך און שטארבן אין די הימלען אלע וועלטן, ווערן קלענער, קלע־נער, טונקעלער, גיסן זיך צוזאמען מיט'ן חושך פון דער נאכט...

ווערן ניט. ווערן ניט...

אַלץ שטאַרבט מיט איין טויט — די הימלען און די ערד, די ים׳ען און די פעלזן, די וועלדער און די בערג. און עס שטאַרבן אין מיטן פון געלויף די ברואים און אין מיטן פונ׳ם פליען — פאַלן טויטע פויגל צו דער ערד, ווי בלעטער פון אַ שטאַרבנדיקן בוים. און אַליין — דער מענטש — וויל ניט שטאַרבן.

וויל ניט שטאַרבן.

ניטאָ קיין לעבן אַרום. עס איז אויך קיין טויט ניטאָ, און ביידע — טויט און לעבן זיינען שוין באַזיגט פון עפּעס, וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען.

זוכט דער מענטש צווישן טויטע אַ באַהאַלטעניש פון טויט און אין דעם חושך פון דער נאַכט — אַ ביסל ליכט.

עס האָט דאָך געמוזט אין די פאַלדן פון דער ערד אַ רעטונג זיין באַהאַלטן, ווי אַן אוצר. און דאָס באַהאַלטענע איז ערגעץ דאָ און וואַרט, אין אַנגסטן, אויף דעם, וואָס זוכט אין פינסטערניש און חושך, און זאָל ער נאָר געפינען — וועט אַ נס געשען:

אַליין פון זיך וועלן פּלאַצן די שטאָלענע קייטן, וואָס שמידן איין די וועלט.

אַ היילנדיקער רעגן וועט באַפרוכפּערן די ערד.

און עס וועלן אָנהייבן צו וואַקסן אין די גערטנער שווערע פּירות און אין די וויין־גערטנער — זיסע וויינטרויבן.

און עס וועלן אָנהויבן צו שטראָמען אַלע קוואַלן מיט ריינעם קוואַל־וואַסער, און, אַ גליענדער, וועט אויפשאַלן — דאָס לעבן — און אייביק וואַכן...

דער מענטש וויל לעבן...

אין די שווארצאפלען פון זיינע אויגן צינדט זיך אן די פרייד פון לעבן. א גלויביקער, גלויבט ער, אז די כוואליעס וועלן אנהויבן צו ברויזן אין די ים׳ען, און די בוימער וועלן אנהויבן צו רוישן אין די וועלדער, און עס וועלן זיך, אין מיליאנען, צינדן וועלטן אין די הימלען, און א הייסע זון וועט אנצינדן די ערד מיט בלומען און מיט פארבן, און עס וועלן, אזוי ווי אייביק, אין די נעכט פון פרילינג — נידערן די פרינצן פון די הימלען צו די בענקענדיקע פרינצעסנס פון דער ערד...

דער מענטש וויל ניט שטארבן.

די שעה פון אונטערגאנג איז נאענט. ניטא קיין רעטונג. שטעלט ער זיך אוועק צום מזרח און מערב, צום צפון און דרום:

— זאלן אלע קוואלן שפעטער אויסטריקענען, — אבער לאז מיך, דעם דארשטיקן, שטילן מיין דארשט.

— זאלן די פירות, וואס איך וועל זאמלען, צופוילט ווערן, אבער לאז מיך, דעם זאמלער, זיי צונויפזאמלען.

—זאלן אלע וויינען שפעטער אין סם פארוואנדלט ווערן, אבער לאז מיר אנפילן א כוס פון מיינע וויינטרויבן.

— זאלן רעגנס און מבול׳ען פארטרינקען מיין האב און מיין גוטס, אבער גיב מיר רעגן, רעגן...

— זאל די זון מיין זעל פארברענען, אבער גיב מיר זונשיין, גיב מיר זונשיין...

ווי די ברואים אויף די פעלדער, ווי די פויגל פון דער לופט, פאלן זיינע ווערטער, טויטע, צו דער קאלטער ערד. און נאר אליין זיין ווילן — וויל ניט שטארבן.

גלויבט דער מענטש, אז פונ'ם טויט און כאַאָס וועט נאָך אַמאָל פאַרמירן זיך די אָרדענונג און לעבן. און אפילו דאַן, ווען ער, דער לעצטער, וועט שטאַרבן, דער לעצטער ביים סוף פון אַלע לעבנס, וועט זיין נשמה, אַ באַפליגלטע, שוועבן צווישן ערד און הימל, און אין דער פינסטערניש און קעלט פון אייביקן טויט אַרויפציִען צום הימל אַ דונערדיקן גלאָק, און וועט קלינגען, און ניט אויפהערן צו וועקן און צו רופן צום לעבן די טויטע וועלטן...

און אייביקייט נאָך אייביקייט וועלן עפענען די אויערן און הערן אַט דעם רוף, אַט דאָס פאַר'עקשנ'טע ציִען פון שטריק און דאָס קלינגען, קלינגען...

עס וועלן אויפציטערן די זיילן פון די טויטע וועלטן פון דעם רוף פון יענעם גלאָק. און די קלאַנגען וועלן, ווי לעבעדיקע שטראַלן, טראָגן זיך אונטערן שוואַרצן צודעק פון דער אייביקער נאַכט, וועלן דייסן די שלייערן פון שווייגן...

ער וועט קלינגען, קלינגען —
ווייל ער וויל ניט שטאַרבן...

#ביים לעצטן ראַנד

...איך ווייס ניט פון וואַנען און ווי אַזוי איך בין אַהין גע־קומען. איך ווייס נאָר: פון אַ שטורעם בין איך געלאָפן, אַ געטריי־בענער פאַרויס, ווי אַן אָטאָם אַ געטריבענער אין די עטערישע רוימען.

קאַלטע ווינטן האָבן מיך אויף מיין וועג באַפאַלן, ווי בייזע חיות, געטריבן און געיאָגט מיך איבער אָפענע, איבער ברייטע פעלדער, און געריסן מיר מיין האַרץ, און געריסן מיר מיין ברוסט, און געפליקט מיין נשמה, ווי אַן אַלטע פאָן אויפ׳ן שפּיץ פון אַ טורעם.

איך בין אַלץ געלאָפן. ביז איך האָב דערזען: איך שטיי ביים לעצטן ראַנד.

אונטן שוואַרצט זיך אַ טיפער אָפּגרונט פול מיט אימה. איין טראָט — און איך וועל פאַלן אין דער שוואַרצער פינסטערניש. איין טראָט — און איך וועל דרייען זיך און פליען, ווי אַ שטיין, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעשליידערט אין אַ שוואַרצער לערקייט... ס׳איז ניט געווען קיין אויסוועג. אַ שוואַרצע מורא האָט זיך גע־קנוילט און געוואָרפן צום פנים און טיפע אויגן האָבן אימה׳דיק געקוקט צו מיר אין זעל אַריין.

איין טראָט האָט מיך דערוווייטערט פונ׳ם לעצטן ראַנד. קיין

רעטונג איז מער ניט געווען. פאַרשטעלט אַלע וועגן. אַלע וועלטן אויסגעלאָשן. דער שטורעם און די ווינטן, דער אָפּגרונט און די פינסטערניש, זיינען, ווי אַ גרויסע חיה געשטאַנען איבער מיר, און אימיצער, אַ געהיימניספולער, האָט געזוכט מיט זיינע אויגן מיינע אויגן.

איך האָב געוואוסט: איין קוק, — און איך בין אַ באַזיגטער.

אַ שאַרפער דמיון האָט מיין וועזן אָנגעצונדן: גאָט! דער לעצטער שרעק! איין רגע — און מיין מאַרך וועט פינסטער ווערן, ווי דער אָפּגרונד, און נאָר אין די שוואַרצאַפּלען פון מיינע אויגן וועט גליען, ברענען און ניט אויפהערן צו לעבן דער שרעק פון טויט, וואָס איז שרעקלאַכער פון טויט.

ערשט דאַן האָב איך דערהערט די שטימע פון מיין בלוט:

— האָב קיין מורא ניט! טו אַ קוק מיט דרייסט אין ז י י נ ע אויגן. זאָג: א י ך ב י ן! — און דו וועסט זיין, זיין!... און דו וועסט זיין דער זיגער. אַ קליינער, מעסט אָפּ ז י י ן גרוים מיט דיינע אויגן—און ע ר וועט שוין ניט גליווערן דאָס בלוט אין דיינע אָדערן, און ניט אויסלעשן דעם פונק פון אייביקייט אין דיין נשמה, און ע ר וועט שוין ניט זיין דער שרעקלאַכער. זאָג: א י ך ב י ן! — און אייביקייטן נאָך אייביקייטן וועסטו זיך טראָגן איבער אָפּגרונטן פון טויט און שרעק, און קיין טויט וועסטו ניט זען, און דו וועסט זיין דער זיכער!

אָבער ווי אַ זטימע אַ געשריענע אין מדבר, האָט מאָדנע שוואַך און פאַלש די שטימע פון מיין בלוט אָפּגעקלונגען אויפ'ן ברעג פון אָפּגרונט. אַזוי קליין און נישטיק איז געווען אַט דער פּראָטעסט פון הייסן בלוט אַנטקעגן דער אַלמעכטיקייט פון טויט.

— כ׳האב מורא! — האט זיך עפּעס פּלוצלונג, ווי א קינד, אין מיר צעוויינט: — כ׳האב מורא! ...

און גרוים איז געווען די הכנעה פון׳ם שרעקעדיקן קינד אין מיר, גרוים און וואונדערלאַד. פּונקט, ווי א נס וואָלט געשען: אַלע שרעקן האָבן זיך צעליינט, ווי חיות, אויף די בייכער, און געוואַרט. עס האָבן צוגעמאַכט די אָפּגרונטן די מיילער פאַר׳ן שוואַכן אויס־געשריי פון שרעקעדיקן קינד: „כ׳האב מורא!“... און אַליין דער טויט איז שטיין געבליבן א געווירטער, פאַר׳ן שוואַכן אויסגע־שריי פון קינד: „כ׳האב מורא! ...

ביז איך דאַן געפאַלן אויף די קני, מיט הענט פאַרבראָכענע, און געבויגן, ווי א קנעכט, מיין רוקן, און געוויינט, און געפּויזעט, ווי א וואָרים, און געדרייט זיך, ווי א הונט, א קרעציקער, און גע־טאָן תפילה און געבעטן:

— באַהיט מיך און באַשיץ! כ׳האב מורא! אָ, אַלמעכטיקער! באַהיט מיך און באַשיץ!

„דער פייער פון דיינע אויגן וועט פון איצט אָן זיין מיין זון, אָ, אַלמעכטיקער!

„גאַנצע טעג וועל איך זיך וואַרימען אונטער דיין זון, אָ, אַל־מעכטיקער!

„און אין די נעכט, ווען די זון דיינע וועט פאַרגיין, וועל איך קומען קושן דעם זוים פון דיינע שוואַרצע קליידער, און וויינען און יאָמערן ...

„ווייל איך האָב מורא, איך צאַפּל זיך פאַר שרעק... אָ, אַל־מעכטיקער!

„זעסט: אַט בין איך אַ הונט אַ קרעציקער — מיט אַ שטוים פון דיין פוס — פאַרטרייב מיך.

„אַט בין איך דיין קנעכט: שענק מיר דיין שפּיי פון פאַר־אַכטונג.

„אַט בין איך דיין וואָרים אין קויט — צוטרעט מיך, און פאַרגעס, און פאַרגעס... אַ, אַלמעכטיקער!

אַזוי האָב איך צו אים תּפילה געטאָן.

און ער איז, אַ באַוועגלאָזער, געשטאַנען איבער מיר, און אויף מיין לעצטער רגע, אַ געדולדיקער, געוואַרט.

און געווען איז גרויס די פרייד פון גרויסער אונטערטעניקייט. און גרויס און הייליק איז געווען די לעצטע רגע.

און וואָלט ער זיך אַ ריר געטאָן, וואָלט איך מיין האַרץ פון ברוסט אַרויסגעריסן און אַנטקעגן אים געוואָרפן, און וואָלט ער זיך אַ ריר געטאָן, וואָלט איך אין די פייערן פון זיינע אויגן מיין זעל פאַרברענט —

— און וואָלט געווען דער זיגער.

ווייל גרויס איז די פרייד פון מורא. און נאָך גרעסער — די פרייד פון גרויסער אונטערטעניקייט.

* * *

לאזט מיר אייך זאגן דעם איין־איינציקן, פשוט׳ן אמת:
— מיר וועלן שטארבן.
לאזט מיר אייך זאגן:
— אלץ שטארבט. עס שטארבן די גראזן און בוימער, די פויגל און מענטשן. די ווערים אין דער ערד און די פיש אינ׳ם ים. אלץ שטארבט און פארגייט אין א שרעק פאר׳ן טויט.
— איר וועט שטארבן. מיר אלע וועלן שטארבן.
גלויבט ניט אין טרייסט ווערטער, און זאגט ניט:
— מיר וועלן אין קורצע מינוטן אז אייביקייט לעבן!
זאגט ניט. דאס האבן די טאטעס פארעדט אייער שרעק, אייער קינדישן שרעק. (טאטעס ווילן די קינדער ניט שרעקן).
לאזט אראפ אין צער די אויגן. שווייגט א טרויעריקן שווייגן:
— איר וועט שטארבן. מיר אלע וועלן שטארבן...

ים

* * *

מיין קינד. דער ים איז לעבעדיק. און כוואַליעס לעבן.
הער זיך איין, וועסטו הערן:
כוואַליעס שרייען מיט לעבעדיקע קולות.
כוואַליעס קענען אויסוויינען אין צאַרטע טענער זייער אייביקן צער, דעם צער פון זייער לעבן.
כוואַליעס קענען רופן און שרייען, ווי אַ מחנה גזלנים אין אַ פינסטערן וואַלד, ווען זיי רופן צוזאַמען זייער נאַכטיקע וואַלד־ברידער.
כוואַליעס קענען וויינען און בעטן זיך, ווי איינזאַמע אומגליקלאַכע וועזנס.
האָסט געזען ביי די דרום־ברעגן, אין די פעלזן, מחנות וואַסער־העלפאַנטן און ים־חזירים?
זע ווי ענלאַך זיינען יענע העלפאַנטן צו כוואַליעס! אַזוינע רונדע, וויגנדיקע, שווימענדיקע און צעשוואומענע, מיט גלאַנציקע בייכער, מיט ווייסע ציין און גרויסע מיילער, ווי ביי כוואַליעס.
זיי זיינען קינדער פון ים. זיי טראָגן דעם אָנבליק פון פאָטער, דעם ים.
אַז זיי שרייען — הערט מען דעם ברומען פון ים, דעם פאָטער.
אַז זיי שרייען — הערט מען די שטימע פון כוואַליעס, זייערע ברידער און שוועסטער...

ל. כאַנוקאָוו

די נימפע

מיין געליבטע איז אַ נימפע.

זי געפינט מיך יעדע נאַכט אין די לבנה־שטראַלן, ביים ברעג פון ים, צווישן טיפע פעלזן־שפּאַלטן, אויף אַ ווייסן בעט פון קליינינקע מיקראָסקאָפּישע ים־שאַלן און שטיקלאַך צעבראָכע־טע קאָראַלן.

געפינט מיך, און דערפרייט זיך. פלאַמט אויף אין גרינעם פלאַמען ביים מאַטן ליכט פון דער לבנה. קוקט פלאַמעדיק מיר אין די אויגן, קושט מיט קאַלטע ליפּן און דריקט זיך צו מיין ברוסט מיט דעם שטיינערנעם געוועב פון איר פישיקן לייב.

נאָכדעם פירט זי מיך אַוועק צו אירע היילן ווייזן מיר די וואונדער פון׳ם ים: אַלע לעבעדיקע ברואים פון׳ם ים. אַזוי־נע פישן, וואָס גרינען אין גרינע פלאַמען. אַזיינע עקדישן, וואָס פלאַמען אין שוואַרצע פלאַמען. אַזעלכע שלאַנגען, וואָס פלאַמען אין רעגנבויגן פלאַמען.

און אַליין אַ פלאַמעדיקע, בעט זי זיך ביי מיר:

— געליבטער מיינער. נעם אַראָפּ פון מיר דעם שטיינער־נעם געוועב. באַניי מיך. איך וויל דיך ליבן אַ באַנייטע. נעם אַראָפּ פון מיר דעם שטיינערנעם געוועב — און וואַרף אַריין אין ים. איך וויל צו דיר אַ גלייכע ווערן...

איך וויל אראפרייסן איר געוועב — האב איך מורא אנצורירן איר געוועב: איך וועל פארברענט ווערן אין איר פלאמען. אין איר גרינעם פלאמען.

אין די לבנה׳דיקע נעכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ל. כאַנקאָוו

ביים ים

איך האָב ליב דעם ים, דעם גרויסן. און אַז איך וויל אַנט־לויפן פון דער גרויקייט פון די טעג — גיי איך צו אים און צו זיינע וואונדער.

אין די פרימאָרגנס איז ער גרעסער, דער ים, רחבות׳דיקער. אין זיינע טיפן פויזן אום, ווי מאָנסטערס, די וואָלקנס. זיי יאָגן זיך און ברומען. זיי לויפן איינער נאָכ׳ן צווייטן, זיי קריכן איינער איבער׳ן צווייטן און צעטרייסלען די פּאָלדיקע פלאַכן און צעיאָגן אין אַלע זייטן די צעשראָקענע כוואַליעס.

אין די פרימאָרגנס איז ער צאָרנדיקער דער ים. פּונקט ווי אין שטורעם פאַרקנייטשט ער זיין שטערן און בלאָזט מיט אויפגערעגטע נאָזלעכער. עס דוכט זיך: אָט וועט ער זיך אויפהויבן איבער זיינע ברעגן, פאַנאַנדערציען זיינע אָדערן, אָנקרעפּטיקן זיינע ריזן־מוס־קולן און אין לעצטער אַנגסטיקער פאַרצווייפלונג צערייסן די קייטן וואָס האַלטן פון אייביקע יאָרן זיין כח, און אָרויס, אַ פרייער, קע־ניגן איבער באַרג און טאָל, איבער דאָרף און שטאָט, איבער מענטש און חיה...

נאָכדעם באַווייזט זיך די זון. קיצלט אים אונטער די נאָז־לעכער מיט אירע שטראַלן. צעלאַכט זיך דאַן דער ים. פאַרטרייבט די לעצטע וואָלקנס אין טונקעלע טיפן, און צעשפּילט זיך מיט אַלע

קאלירן פון הימל און זון, צעשמייכלט זיך אנטקעגן די ליכטיקע הימלען.

פון ערגעץ קומט אן א קליין מיידעלע. א בלאנדע אין א ווייסן קליידעלע, קלייבט זי ים־שאלן אין א קאלירטן קערבעלע. שטעלט זיך מיט'ן פנים צום ים און קוקט מיט הימל־בלאע אויגן אין זיינע ווייטקייטן, הערט זיך איין אין זיין רוישן, און לאכט אנטציקט פון יעדער נייער כוואליע. און דער ים, א רואיקער, באטעמט מיט זיין הויך אירע בלאנדע הערלאך און קייקלט צו א יעדע רגע צו אירע פיס א שפילעוודיקע כוואליע, ווי א שפילצייג.

עס רירט דאס בילד ביז טרערן. און עס קומט אן אויף מיין געמיט א רואיקייט און א פרייד.

באנאכט איז דער ים סודות'דיק. זיין פנים איז פינסטער, פארצויגן מיט טרויער. א גאנצן טאג פארבארגט ער זיינע סודות אין דער טיפעניש פון שווערע אפגרונטן, באהאלט זיי פון די פארשנדיקע בליקן פון דער וועלט. און, אז עס קומט אן די נאכט צעלייגן זיך די סודות איבער דער גאנצער ברייט פון זיינע פלאכן, איבער די וואסערן גייען דאן אום פון ברעג צו ברעג ריזיקע געשטאלטן. זיי מעסטן אוים פון ברעג ביז ברעג, די ווייטקייט זיינע, זיי מעסטן אוים פון פלאך ביז גרונט די טיפקייט זיינע און היטן אפ, ווי טרייע וועכטער, זיינע סודות.

ביינאכט לעבט דער ים זיין אייגן פארבארגן לעבן. ווער קען זיינע סודות דערגיין?

גיי איך אום ביי זיינע ברעגן און האב מורא צו קוקן אין זיין פינסטערן פנים. עפעס ציט מיך אבער צו אים, עפעס רופט — ביז איך ווארף אין זיין רופנדיקער פינסטערקייט מיין נשמה, און

לאַז זי וואַנדערן אינאיינעם מיט געשטאַלטן איבער זיינע תהומ'ן, איבער זיינע הויכן, איבער זיינע טיפן.

וויים איך: עס איז פול מיט פאַרבאָרגענעם לעבן זיין קיניג־רייך. עס רעדט מיט טויזנטער שטימען דאָס לעבן פון זיינע פאַר־באָרגענע טיפן. ווער קען זיינע טיפן דערטיפן?

ביי די ברעגן ליגן שאָלן, קליינע ים־שטיינער, שטיקלאַך אָפּ־געריסענע צעבראָכענע קאָראַלן. אַלץ רופט אין מיר אַרויס אַ בענק־שאַפט צו די מיסטעריעז פון זיינע פאַרבאָרגענע וועלטן, צו זיין אומפאַרשטענדלאַכן לעבן. ווערט מיין לעבן רייך מיט זיין רייכ־קייט. ווערט מיין לעבן אַ שיינע, אומפאַרשטענדלאַכע און רופנ־דיקע מיסטעריע...

אַ לויב צו דיר, דו גרויסער, דו — אייביקער!

די מלחמה

איך בין געשטאַנען אויף אַ הויכן פעלזן־שטיין, וואָס איז גע־האַנגען איבער׳ן ים.

אונטן, צופוסנס פון מיין פעלז, זיינען געווען טיפע שפּאַלטן און פינסטערע הייל, וואָס נאָר די צינגער פונ׳ם ים קענען אהין קומען און לעקן די טריט פון די ריזיקע פעלזן־געביידעס.

איך בין געשטאַנען און איינגעהערט זיך אין ווייטן רויש פון די כוואַליעס און מיט ציטערניש באַגעגנט זייער שטורעמדיקן קו־מען צו די פעלזן.

דער ים האָט ניט גערוט. האָט געוואָרפן זיינע וועלן צום ברעג, צו די פעלזיקע שפּאַלטן, געוואָרפן און צוריקגעכאַפּט זיי אין זיינע טיפן אריין. פּונקט ווי ביים ברעג, צווישן שוואַרצנדיקע פעלזן, וואָלט אימיצער געשטאַנען, אַזאַ ריזיקער, ווי ער אַליין, און וואָלט צו אים זיינע כוואַליעס צוריקגעשליידערט מיט אַ ברומען. מיט גע־שרייען און יללות. ס׳האָט זיך אָנגערוקט אַ שטורעם.

ס׳איז געווען נאַכט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און אויך געשראָקן מיט אַ שטורעם. שווערע קראַכן האָבן זיך דער־טראָגן פון דער לופטן. דונערן און בליצן זיינען שווער געפאַלן צו דער אויפגערעגטער ברוסט פון ים.

דער ים האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ טעמפּן ברומען פון די טיפן, האָט זיך פאַרגאַנגען אין אַ בייזן יאָמער, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, און אַ וואָרף געטאָן זיך צו די בערגן.

דער הימל האָט געהאַלטן מלחמה מיט'ן ים.
דער הימל האָט געשמיסן מיט פייער קוילן איבער דער וויגנ־דיקער פלאַך, געקראַכעט מיט בונערן און געשפּאָלטן דעם שווי־מענדיקן רוקן פון ים און געברעקלט זיינע כוואַליעס.
דער ים, אַן אומבאַשיצטער פון די קוילן, האָט נאָר געקרעכצט און געברומט, און האָט זיך געוואָרפן ווילד אין אַלע זייטן, פון ברעג צו ברעג, געוואָלט אַנטלויפן, און ניט געקענט.
ס'איז געווען שרעקלאַך. ס'האָט זיך געדוכט: דיביידע וועלן חרוב מאַכן די וועלט. איך בין אַ דערשראָקענער פאַרקראָכן אין אַ טיפן פעלזן־שפּאַלט און געוואָרט ביז די שלאַכט וועט איבערגיין.
אַז איך בין אַרויס פון מיין באַהעלטעניש האָט שוין געטאָגט.
דער הימל איז אַ רואיקער אַוועק אין ווייטע הויכן, שטאָלץ און העלדיש ווי אַ זיגער. און דער ים, אַ מידער, איז געלעגן רואיק און ווי אַ חיה שטיל אַרומגעלעקט די וואונדן אויף זיין קערפּער. אַרום אים האָבן זיך געוואַלגערט, טויטע: שטיקער אָפּגעריסענע קאָראַלן, שטיקער פעלזן און הרודעס שאַלן. יונגע כוואַליעס זיינען, ווי סאַני־טאַרן, אַרומגעלאָפן צווישן די טויטע און געציילט די פאַרלוסטן. געציילט די טויטע...

אויפ׳ן ים־דעק

איך בין געשטאנען אויפ׳ן פעלזיקן ברעג פון ים.

ס׳איז געווען א ליכטיקע, לבנה׳דיקע נאכט. דער הימל איז געווען פארצויגן מיט א מאטאווער לבנה־ליכט. איבער דעם גאנצן פנים פון דער לבנה־דיסק איז געהאנגען א וואל פון קליינע קרישטאלענע וואלקנדלאך. דורך זיי האבן דורכגעקוואלן, ווי לעבעדיקע, אירע מילדע בארואיקענדיקע שטראלן. די זעלטענע שטערנדלאך האבן שוואך געפינקלט און פארלארנגעגאנגען אין דער האלב־ליכטיקייט פון הימל.

מיינע אויגן זיינען געווען ברייט געעפנט, מיין געמיט — רואיק און מיין אויער — שארף און אמפינדלאך. בין איך געשטאנען און געקוקט אין טיפן רואיקן ים אריין.

איך האב געזען די לבנה־שטראלן, וואס האבן זיך אפגעזעצט אויפ׳ן אפגרונט פון שפיגלענדיקן קרישטאל. איז געווען דער גאנצער ים־דעק — א וואונדערלאכער גארטן פון פאנטאסטישע ביימער און גראזן און בלומען.

מיין אויער האט פארנומען דעם שטילן סוד׳ן זיך פון יענע גראזן. מיין אויער האט פארנומען די אומעטיק־זיסע געזאנגען פון וואסער־בלומען, וואס האבן דערציילט די געשיכטעס פון ים.

און פלוצלונג האט זיך צווישן פאנאדערגערוקטע ים־בלומען באוויזן א פנים, א קאפ מיט לאנגע זילבערנע האר, רונדע צארטע

פּלייצעס און לאַנגע ווייסע הענט. מילדע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט מיינע אויגן.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם אַזוי ביינקענדיק גע־זאָגט:

— קום אַראָפּ, פֿרמעדער, צו מיין פֿאָטערס קעניגרייך. קום אַראָפּ. אין זיינע פּאַלאַצן פֿון ריינעם קרישטאָל, צווישן קאָלאָ־נאַדן פֿון ריינעם פּערל און קאָראַלן, קלייב זיך אויס אַ פּרעכטיקן געצעלט. נידער אַראָפּ, און בלייב מיט אונז. מיין פֿאָטער וועט דיר געבן די גרעסטע פֿון זיינע קעניגרייכן, און זאָלבן דיך אַלס קעניג. און אַלס קעניגן וועט ער דיר געבן — די שענסטע פֿון זיינע טעכ־טער, מיך, די אינגסטע פֿון פּרינצעסנס. קום אַראָפּ און ווער גע־זאַלבטער, ווער אַ קעניג. טויזנטער יאָרן וואַרט איך אויף דיין קו־מען. קום אַראָפּ...

זי האָט דאָס געזאָגט, און געוואַרט, אַ געדולדיקע, אויף מיין קומען. און אַז איך בין ניט אַראָפּ, איז זי פֿאַרשוואונדן צווישן די געדיכטע ים־גראָזן, און קיינמאָל שוין פֿון דאָרטן ניט אַרויס. בין איך אַוועק פֿון דאָרט אויף אייביק אַ פֿאַרשעמטער. אָבער יעדע נאַכט, ווען דער הימל ווערט פֿאַרצויגן מיט אַ מאַטער שטילער ליכט, גיי איך אַוועק צום ים און וויין פֿאַ ראָים אַרויס מיין ביינקשאַפֿט.

אין זיינע כישוף׳דיקע טיפֿן בלאָנדזשעט אום מיין האַרץ פֿאַרוואָגלט טאָג און נאַכט.

אין זיינע טיפֿן ליגט אַז אויסגעשפּרייטע איבער ברייטע וועלטן — מיין קעניגרייך, דאָס ניט דערוואָרבענע.

אין זיינע טיפן ליגן אוצרות — מיינע אוצרות, ניט געפונענע.
אין זיינע טיפן שטייען מיינע פּאַלאַצן פון קרישטאָל און שמאַראַגד, פון מיין פוס נאָך ניט באַטראָטענע.
און אַז איינגעשלאָסענע אין הויכע טורעמס זיצט און וואַרט אויף מיר אין אַנגסטן — אַ פּרינצעסן, מיין געליבטע, די פאַר־לאָרענע.

ל. כאַנוקאָוו

ים-געזאַנג

לאָמיר זינגען אַ לויב און אַ תּפֿילה דעם ים.

לאָמיר זינגען אַלויב און אַ תּפֿילה דעם ים.

עפּנט אויף אייער האַרץ, עפּנט אויף אייער אויער און זינגט די געזאַנגען פֿון ים.

איבער זיין פֿאַלדיקן גוף און איבער זיין שוימיקער פֿעל גייט אויף און גייט אָפּ אַ געזאַנג, וואָס איז אייביק. שטעלט זיך אויף אייערע קני, מיינע ברידער, בייגט אַרונטער די קעפּ אין אַ הייליקער ערפֿורכט און הערט דעם געזאַנג, וואָס איז אייביק.

גיט אַ קוק: אָט אַזאַ האָט אונז גאָט אים געגעבן. אָט אַזאַ. זיין קול איז נאָך פֿריש און זיין פּנים איז לויטער, ווי אין יענעם פֿאַרצייטיקן טאָג פֿון באַשאַפֿן.

וואָס איז עלטער און אינגער פֿון ים?

וואָס איז שטאַרקער און גרעסער פֿון ים?

וואָס איז אייביקער?

אַלץ שטאַרבט אויף דער וועלט. אַלץ פֿאַרגייט. אייביק איז נאָר דאָס געזאַנג פֿונ'ם ים, און אייביק — זיין לויטערער פּנים.

וואָס זינגט אונז דער ים, דער גרויסער?

גיט אַ קוק אין זיין טיף. גיט אַ קוק אויף זיין ברייט. הערט זיך איין אין זיין קול, וואָס איז אייביק.

קוקט זיך איין: אין זיין טיף איז פאַרבאָרגן דער אָמבליק פון יענעם, וואָס האָט דער ערשטער אין כוואַליעס געשפיגלט זיין פנים, און דער ערשטער אין טיפקייט געוואָרפן זיין בליק. וואָס האָט דער ערשטער באַוואונדערט די גרויס פונ׳ם ים.

הערט זיך איין: פון זיינע פאַרבאָרגענע טיפן גייט אויף דאָס געזאַנג פון די הימלישע כאָרן, וואָס האָבן אין טאָג פון באַשאַפן געזונגען אַ לויב און אַ תפילה צום שעפער.

זאַנגט נאָך דאָס געזאַנג.

און אויב איר קענט ניט — שטעלט זיך אין פאַרכטיקן ציטער פאַר זיינע פאַרבאָרגענע סודות.

לאָמיר זינגען אַ לויב און אַ תפילה צום ים.

שטיינערנע שוועלן

אין תפיסה

שטילקייט. שטילקייט אין שטילקייט. קאַלטע פאַר׳עקשנ׳טע שטילקייט. אַ פאַרשטיינערטע. באַוועגט זיך ניט. דורך איר שטראָמט ניט דורך די צייט. פאַרביי איר גייט דורך דאָס לעבן, און באַרירט זי ניט, באַמערקט ניט איר קאַלטן פאַרשטיינערטן פּנים, לאָזט ניט איבער קיין צייכן.

שטילע, רואיקע, סודות׳דיקע נאַכט. צופיל רו און צופיל שטילקייט. ניטאָ וואוהין אַהינצוטאָן זיך. ניטאָ וואוהין — אַנט־לויפן.

אַלע זיינען אויסגעשטאָרבן. ליגן טויטע אין דער ערד, באַהאַל־טענע אין קברים — ווער ווייס פון וויפיל יאָרן.

צווישן מיר און דער וועלט זיינען ווענט. ווענט און וווייט־קייטן. און הינטער זיי — אומגעהייערע בערג און טיפע אָפּגרונטען. דער בונד מיט דער וועלט איז צעריסן. איינער אַליין צווישן הימל און ערד, צווישן ווענט, וואָס שוויגן. איינער אין אייביקייטן. איי־נער אין אומענדליכקייטן. אַליין. אַליין.

שוואַרצע שטילקייט און טויטליכע רו, פינסטערע נאַכטיקע זעאונגען. שוואַרצע בלומען אויף ווייטע בית־עלמינ׳ס רעגן ניט, שרעקן ניט.

פון ערגעץ גייט אויף אַ פאַרטונקלטער יאָמער. — ווער שרייט?

פון ערגעץ גייט אויף אַ געזאַנג. — ווער זינגט?
פון ערגעץ קומען אַן געשטאַלטן. שטעלן זיך אין רייען, ריכטן אָפּ געהיימע ריטואַלן. מיסטעריעס. מיסטעריען.

טויטע שטילקייט, שליס זיך צו. עפן ניט די סודות. כישוף ניט. ס׳איז גרויס די בענקשאַפט אין שווייגן, נאָך גרעסער — דער שרעק פאַר מיראַזשן.

לאָז מיך שטאַרבן אָן מורא.

מיט אַלעמען אינאיינעם — שטאַרבן. ווייל אַלע זיינען אויס־געשטאָרבן און קיינער איז ניט געבליבן לעבן.

אפילו די וועכטער, די לעבעדיקסטע, די וואַכזאַמסטע זיינען פאַרגליווערט אין גליווער פון שווייגן און שטילקייט.

ווער וועט קומען, און זיי אויפוועקן?

ווער וועט קומען, און אויפשרעקן די שטילקייט מיט אַ לעבע־דיקן קלאַנג — אַז קיינער איז ניטאָ?

נאָר איך און מיין הארץ — לעבן.

נאָר איך און מיינע חלומות צאַפּלן זיך אין אָרעמס פון גלי־ווער און טויט.

לאָז מיך אַליין שטאַרבן און פאַרגיין מיט דעם טויט פון דער וועלט.

נעם מיך צו.

ספעקטאקל און ליבע

קוק ארויס דורכ׳ן פענסטער. זע: פון גאס צו גאס לויפן אום, שמייען אום, מ׳וויס ניט וואוהין און נאך וואס, מענטשן, וואס האבן פארלארן דעם זינען.

וואס זוכן די מענטשן? וואס גארן די מענטשן?

— ספעקטאקל און ליבע.

עס ברענען אין שרפות די לייכטנדע טורעמס. עס פאלן פארוואונדעטע קריגערס. עס ראנגלען זיך אָרעמס מיט אָרעמס אין טויטליכן ציטער. עס ברענט די אָרענע מיט בלוטיקן פלאמען. און מיט׳ן פון שריפות, אין מיט׳ן פון ליארעס, אין צענטער פון שווערע אָרענעס, ווי הייליקע, רייסן ארויס גלאדיאטארן די הערצער און ווארפן זיי העפלאך צום הונגער פון וועלף, און ברענען אין בלוטיקע פלאמען.

א טויטע ליבע גייט אויף אויף די שטיינערנע גאסן, איבער דער שטיינערנער שטאט. א פלאמענדיקע—ברענט זי ניט, פלאמט ניט, און גיט זיך נאר אליין אוועק פארברענט צו ווערן אויפ׳ן שטיין פון שטאט.

קיינער זעט זי ניט.

בעט זי זיך יאמערדיק:

— נאט, נעמט מיך אויף די שטיינער, אויף די טויטע שטיי־

נער. קושט מיר אוים די בלייבע ליפּן מיט אייער קושן, און לאָזט מיך ליגן, אַ פאַרגעסענע, אַ אוועקגעוואָרפענע.

און בלינדע, זעען ניט די מענטשן. און טויבע, הערן ניט די מענטשן, און אין טויטן וואַנזין שרייען מענטשן:

— ספּעקטאַקל און ליבע!

— ספּעקטאַקל און ליבע!!

— ספּעקטאַקל און ליבע!!!

ווער וועט קומען און באַרואיקן דעם הונגער פון וואַנזיניקע?

ווער וועט קומען און באַרואיקן דעם וואַנזין פון הונגעריקע?

אַז איינער — איין־איינציקער האַלט וואַך איבער גאַסן און ראַגן און הייזער, און טורעמס — דער שטיינערנער גייסט פון דער שטאָט.

קוק אַרוים דורכ'ן פענסטער:

ניטאָ קיין אייביקע שיינקייט. זי קומט און פאַרגייט. קיינער זינגט ניט קיין געזאַנגען דער שטאָטישער ליבע. קיינער דערציילט ניט קיין מעשות פון שטאָטישער ליבע.

די לעגענדע איז טויט. די לעגענדע איז טויט.

ווער וועט קומען דערציילן אַ מעשה און זינגען אַ ליד?

קיינער ניט. קיינער ניט.

נאָר איינער אַליין איבער אַלץ גייט אויף דאָס געשטאַלט פון דעם שטיינערנעם.

בעטן זיך מענטשן ביים שטיינערנעם:

— גיב אונז ספּעקטאַקל און ליבע!

שרייען צו אים די פאַררויסענע העלזער:

— ספעקטאקל און ליבע!!

און פון דער הויך, פון דעם העכסטן פון זיינע טורעמס, לאכט אראפ דער שטיינערנער:

— כא־כא! און כא־כא! און כי־כי!!...

ל. כאַנוקאָוו

אַנשוויגן ווער!...

דאָס איז געווען אין שפּעטן האַרבסט.

איך האָב דאָן געוואוינט אין אַ קליין אָרים צימערל, אויף אַ גאַס אַרויסגעוואַרפן ווייט הינטער'ן שטאָט. אין צימער האָט גע־שמעקט מיט נעץ און אָרימקייט.

יעדן אָוונט פלעג איך זיך צוריקקערן אַהיים אַ מידער און אַ בייזער. עס איז ניט געווען קיין ליבע אין מיין האַרצן. מיין האַרץ האָט געגלוסט נקמה. עס האָט זיך געוואָלט טאָן שלעכטס. טאָן וואָס איז ניט גוט.

די טעג זיינען געשטאַנען גרויע, נאַסע און קאַלטע. פון דעם טונקעלן הימל זיינען געפאַלן אויף דער ערד אומאויפהערלאַכע רעגנס. ווי טרערן זיינען זיי געפאַלן און באַגאָסן די ערד, און גע־לאָזט וואַקסן אויף איר די גרויסע מענטשלאַכע ווייטיקן, די שווערע מענטשלאַכע יסורים.

פאַרנאַכט בין איך געזעסן עלנד לעבן פענסטער און געקוקט אין חושך פון דער גאַס. עפּעס האָט שטיל און ביטערלאַך געוויינט אין האַרצן. עפּעס האָט געמאָנט, דאָס האַרץ. אַ קינד האָט יאָמער־דיק געוויינט הינטער'ן וואַנט. געוויינט לאַנג און צעצויגן. עפּעס געוואָלט, וואָס מען האָט אים ניט געקענט געבן. און אפשר האָט מען מיט עפּעס זיין קינדיש האַרץ באַליידיקט. ער האָט שטאַרק געוויינט.

פלוצלונג האב איך דערהערט דער מוטער׳ס שטימע:

— שווייג, דו!... אנשוויגן ווער!... אט וועל איך דיך!...

דאס קינד האט ניט אויפגעהערט צו ציען זיין קלאגעדיקן ניגון. די מוטער האט א ווײלע געשוויגן, נאכדעם האט זי בייז אויסגעשריען:

— ווערסטו שוין אנשוויגן ווערן?! הא? ווערסטו שוין אנ־שוויגן ווערן, גזלן!... דו האסט דאך שוין מיין הארץ ארויסגע־צויגן!...

און דאס קינד האט זיך גענומען צאפלען אין אירע ארעמס. עס האט זיך געהערט א פארשטיקטער געשריי, פונקט ווי דער מו־טערס פינגער וואלטן געווארגן זיין האלז:

— אנטשוויגן ווער! הערסט?... אנטשוויגן ווער!

די מוטער האט אויפגעהערט צו שרייען, אבער דעם קינדס גע־וויין איז געווארן נאך יאמערלאכער, נאך ביטערער און פיינלא־כער.

אין צימער איז געווען קאלט. אין דרויסן איז געווען קאלט. אין די אויערן האט רחמנות׳דיק געקלונגען:

אנשוויגן ווער!... הערסט?! אנשוויגן ווער!...

דער קינדס געוויין האט ניט אויפגעהערט. ניט אויפגעהערט. הינטער׳ן וואנט האט דער אלטער זייגער לאנגזאם שיפענדיק געקלונגען זיבן. זיבן אזייגער. יעדער קלונג איז עפעס ווי מיט מאטערניש ארויסגעקראכן פון א טיפן אפגרונט און שמערצלאך אפגעשלאגן זיך אן מיין קראנקן הארצן. עס האט זיך געוואלט אויסשרייען צום זייגער: —

— אנשוויגן ווער!...

דער זייגער האָט אָפּגעקלונגען און איז אַנשוויגן געוואָרן. אָבער דאָס קינד האָט געוויינט, געוויינט.

א גאַנצע אייביקייט געוויינט.

איך קען זיין געוויין ניט פאַרגעסן.

שטאָט

ס׳איז נאַכט. עס האָבן מיך געפֿאַנגען די שטאָט און די נאַכט.

איך גיי און קריך צווישן טויזנטער געביידעס. קעגן מיר און איבער מיר דערהייבן זיך און לייכטן מיליאָנען פֿאַקעלן — פֿון פֿענסטער, פֿון שילדן, פֿון טורעמס... פֿון אומעטום קוקן אויגן. קוקן. קוקן.

דאָס האָבן מענטשן אָנגעצונדן די פֿאַקעלן מיין וועג צו באַלייכטן. דאָס האָבן מענטשן די נאַכט פֿאַרוואַנדלט אין טאָג אין ליכטיקע פֿאַר מיר, און אימיצנס הענט פֿאַרבאָרגענע פֿירן מיך און היטן פֿון אַלע שטרויכלונגען. דאָס האָבן מענטשן אויסגעבויט די טעמפּלען און טעאַטערן, רעסטאָראַנען און האָטעלן און האָבן זיי צושטעלט אין רייען אויף מיין וועג — אַלץ פֿאַר מיר.

עס האָבן מענטשן־הערצער געזאָרגט פֿאַר מיר: עס זאָל מיר ניט ווערן אומעטיק דאָס לעבן, עס זאָל מיר אין דער שטאָט קיין טרויער ניט באַפֿאַלן, איך זאָל מיט גוטע שפּייזן דעם הונגער מיינעם שטילן און מיט ווײַנען — שטילן מיינע דורשטן...

עס יאָגן מענטשן פֿון אַלע גאַסן און גיסן זיך צוזאַמען אויף דער גרויסער גאַס, ווי שטראָמען, פֿילן אָן די לופֿט מיט לעבעדיקע קלאַנגען, מיט געלעכטער און געזאַנג.

פֿאַר מיר. אַלץ פֿאַר מיר!

און איך בין איינזאַם. און ווער געשטרויכלט, און אַ שווערער טרויער פּרעסט מיין האַרץ. און איך בין הונגעריק און פאַרשמאַכט.

און אַז איך קום אין מיין קליינעם ווינקל טראַכט איך: די נאַכט איז פינסטער. דאָס לעבן — שווער. ווי לאַנג וועל איך אַזוי ציען דעם שוואַרצן קרעפּ פון לעבן דורך מיינע טעג און נעכט?

מיין האַרץ וויל ניט בענטשן די הענט פון די, וואָס האָבן אויסגעבויט פאַר מיר די שטאָט. מיין אויג ווערט ניט גענאַרט פון עלעקטרישע מיראַזשן. מיר איז פינסטער אין דער שטאָט פון ליכט און רייכטום. און איך זאָג:

— מיר איז פינסטער אין דיין ליכטיקייט, שטאָט. איך בין אָרים, ווייל צופיל רייכטום איז אַרום. איך בין איינזאַם, ווייל צופיל מענטשן האָסטו באַזעצט אין דיינע גרעניצן, שטאָט.

לאָז מיך אַליין זיין.

לאָז מיך אַליין.

ל. כאַנוקאָוו

די היים

...אַזוי האָבן אונז געלערנט די, וואָס זיינען הינטער אונז פאַרבליבן:

— גייט און זוכט, ביים סוף פון אַלע וועגן וועט איר אייער היים געפינען. ביים סוף פון אַלע וועגן שטייט און וואַרט אויף אייך דער וועכטער מיט די שליסלען אין די הענט, וואַרט, אַז אנג־סטיקער, צו עפענען פאַר אייך די שווערע טויערן. גייט צו אייער היים, אַ, אומגליקלאַכע!...

און אַז איר וועט קומען צו די טויערן פון אייער היים, זאָלט איר צום וועכטער זאָגן: „עפן אויף, אַ, וועכטער!" וועט דער וועכטער עפענען פאַר אייך די טויערן, און פאַנאַנדערפּראַלן אַלע טירן, און וועט אייך, די האַרן, אין די געצעלטן לאָזן רוען.

וועט דאָס — אייער ה י י ם זיין.

אָבער מיד זאָלט איר ניט ווערן פון דעם לאַנגן שווערן זוכן, און זאָל קיין צווייפל ניט האָבן איבער אייך קיין שליטה. ווייל — וועט איר אָנהויבן צו צווייפלען אויף אַ רגע, איר אומגליקלאַכע, וועלן איינפאַלן די ווענט פון אייער היים, און אייערע פּאַלאַצן וועלן חרוב ווערן, און קיין ה י י ם וועט איר ניט האָבן...

גייט און זוכט, ביים סוף פון אַלע וועגן וועט איר אייער היים געפינען.

אזוי האָבן אונז געלערנט די, וואָס זיינען הינטער אונז פאַר־בליבן.

זיינען מיר אַוועק צו אונזער היים.

טויזנטער יאָרן זיינען מיר אַרומגעגאַנגען, און טויזנטער יאָרן געזוכט די היים, ווי עס זוכן ברואים זייער נאָרע, ווי עס זוכן פויגל זייער נעסט. אין ליכט פון טאָג די אויגן אויסגעקוקט, אין חושך פון דער נאַכט — די פינגער אויסגעטאַפּט, און אַלץ ניט אויפגעהערט צו זוכן, צו וואַנדערן און וואַגלען. און דעם סאָף פון אַלע וועגן ניט געפונען.

און אַז עס האָבן אויפגעהערט די פיס צו דינען, האָבן מיר זיך אויף די קני אַראָפּגעלאָזן און געפּויזעט אַלץ פאָרויס, פאָרויס... ביז איינמאָל, האָבן מיר, געבויגענע אין שרעק און מורא, צוגע־שלעפּט זיך און געבליבן שטיין ביי אַ וואַנט. האָבן מיר געזאָגט, דערפרייטע:

„צו די ווענט פון אונזער היים זיינען מיר געקומען, ברי־דער. ניטאָ שוין מער פאָרויס קיין וועגן, און אַלע שטעגן האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט. עס איז ניטאָ וואוהין צו גיין. לאָמיר שאַרן ביי דער וואַנט און זוכן אין דער וואַנט דעם טויער און דעם וועכ־טער ביי דעם טויער".

און אַז אימיצער האָט שטיל און ציטעריק געוואָגט צו זאָגן מיט אַ טויטן קול: „און אַז עס איז ניטאָ קיין טויער? . . . און אַז עס איז ניטאָ קיין וועכטער?..." האָבן מיר אים ביי דער וואַנט אויף אייביק צוגעשלאָסן זיינע ליפּן, און אויף זיין טויטן קערפּער שוין געשוואָרן:

„מיר וועלן אויפזוכן דעם טויער מיט דעם וועכטער! און אויב עס איז ניטאָ קיין טויער, וועלן מיר מיט די שטערנס אונ־זערע אין וואַנט אַ טויער ברעכן, מיט די ציינער אויסרייסן די שווערע שטיינער, מיט די נעגל זיך אַ דורכגאַנג מאַכן, און אַ וועג געפינען צו דער פאַרשפּראָכענער, צו דער געזוכטער ה י י ם!“...

אַזוי האָבן מיר געשוואוירן.

און נאָכדעם האָבן מיר, שוין שווייגנדע, ווי בלינדע שאָטנס, זיך געלאָזן פויזען אין דער לענג פון וואַנט, מיט ציטערנדיקע הענט געטאַפּט דעם מאָך און שימל אויף דער וואַנט, און געזוכט דעם טויער און דעם וועכטער ביי דעם טויער. טעג און נעכט האָבן מיר געזוכט ביז איינמאָל, איז אַ קאַלטער נאַכט, זיינען מיר גע־קומען צו אַ פּלאַץ, וואו די וואַנט האָט זיך געשלאָסן מיט צוויי גרויסע שווערע טויערן, און אַ שלאָס איז שווער געהאַנגען מיט אַ זיגל אַ פאַרראָסטעטן, און אַ שווייגנדיקער, אַן אומבאַוועגלאַכער, איז לעבן וואַנט געשטאַנען, ווי אַ שטיין, דער וועכטער.

„ד י ה י י ם! — האָט געריסן זיך פון אונזער ברוסט דאָס גרויסע וואָרט — ד י ה י י ם!“...

„די היים!... די היים!...“

אָבער, אַלטע, האָבן מיר די פרייד פאַרגעסן, און ניט געקענט זיך פרייען. שוואַכע, האָבן מיר נאָר געציטערט און אין גרויסער אומ־רו קיין לעבעדיקן אויסדרוק ניט געקענט געפינען.

זיינען מיר בלויז צו דער ערד געפאַלן, און געבוקט זיך, און געלויבט דעם נאָמען און דעם אָנדענקען פון יענע, וואָס זיינען הינטער אונז פאַרבליבן, און אין וועמענס זכות מיר האָבן יאָר־

טויזנטע געוואַגלט, — די לערער אונזערע — או שווייגנדיקע, גע־בוקט זיך פאַר דעם וועכטער ביי דעם טויער, געבויגן זיך, ווי שקלאַפן, פאַר זיין קאַלטן, שווערן פנים, און געוואַרט.

און דער וועכטער, ביי דער וואַנט, איז אומבאַוועגלאַך, ווי אַ שטיין, געשטאַנען און געשוויגן.

— וועכטער, וועכטער!... — האָבן מיר אין ציטער זיך צו אים געצויגן און גערופן.

און דער וועכטער ביי דער וואַנט האָט ניט געענטפערט.

האָבן מיר געזאָגט:

— עפן אויף די שווערע טויערן!... אַ, עפן אויף די טויערן פאַר די היימלאָזע און פאַרוואַגלטע, עפן די רואיקע געצעלטן, עפן אויף!...

מיר האָבן דאָס געזאָגט — און ווי מיליאָנען פויסטן וואָלטן אָנהויבן צו קלאַפן אין די טויערן און רופן מיט אונזער קול צום וועכטער:

— עפן אויף, עפן אויף!...

און דער וועכטער ביי דער וואַנט איז נאָך אַליין געשטאַנען אומבאַוועגלאַך, און געשוויגן. און מוראַ'דיק איז געווען פאַר אונז זיין שווייגן, און שרעקעדיק איז געווען פאַר אונז זיין טויטער, קאַלטער פנים.

האָבן מיר געזאָגט:

— אומעטום זיינען מיר געווען. אומעטום. אַלע וועגן אויס־געגאַנגען. וואו דער ווינט האָט נאָר געבלאָזן האָבן מיר די אויגן אויסגעקוקט, — און ניט געקענט די היים געפינען. ווי הונגעריקע הינט, פאַרוואַגלטע און ציטערנדע זיינען מיר ביי דיינע טויערן.

מיר, וואס האבן לעבנס־לאנג געזוכט אהיים, זאגן: לאז אריין אין דיינע טויערן. אין די געצעלטן דיינע וועלן מיר א היים געפינען. עפן אויף די שווערע טויערן, א, עפן אויף די טויערן!...

און דער וועכטער האט געשוויגן. שווער און פינסטער.

האבן מיר געזאגט:

— און אויב דו קענסט ניט, ווייל פארראסטעט איז דער שלאס און פארלוירן האסטו דיינע שליסל,—צעברעך דעם שלאס! און אויב דו קענסט ניט — זאג אייןווארט אונז, די וואגלער, וועלן מיר דעם שלאס צעברעכן, און די שווערע טויערן פון די זאוויעסעס אפרייסן און עפענען א וועג צו די געצעלטן... און אויב דיין צונג איז שוין געליימט, און דיין הארץ איז קאלט, פאר־שטיינערט, און דיין האנט איז טויט, — לאז ארויס די שליסל פון דיין האנט, און פאל א פארשטיינערטער צווישן שטיינער. וועלן מיר אליין, ווי זיגער, שטעלן זיך ביי דיינע טויערן, מיר, די זין פון אלע ציימן, די היטער פון דער לערע פון יענע, וואס זיי־נען הינטער אונז פארבליבן. שווערע, גרויע, אן א פאנים און אן שיינקייט, פארזונקענע אין די ליידן פון דער אייגענער געהיימ־נים, וועלן מיר לעבן דיינע טויערן דעם אויסדרוק אין דעם פנים אונזערן געפינען... א, עפן אויף די טויערן. און אויב דו קענסט ניט — ווער א שטיין צווישן שטיינער...

און דער וועכטער האט נאך אלץ געשוויגן.

האבן מיר דאן אין זיין קאלטן פאנים טיף אריינגעקוקט און מיט אמאל דערזען:

מיר זיינען אפגענארט!

דער וועכטער איז קיין וועכטער ניט. האַרט לעבן טויער איז געשטאַנען אַ געשטאַלט פון ליים און ציגל, אַ גולם, אַ געמאָלטער פון אַ מענטשנס האַנט.

האָבן מיר אין זיינע הענט אַריינגעקוקט — זיינען אין די הענט קיין שליסל ניט געווען.

האָבן מיר זיך, שוואַכע, צו דעם טויער צוגעשאַרט און מיט ציטערנדיקע הענט דעם שלאָס געוומען רירן — איז צו אונזערע פיס, אַ פאַרראָסטעטער, דער שלאָס געפאַלן, און עס האָבן זיך אַליין פון זיך, די טויערן געעפנט, און מיט זיי האָט זיך געעפנט אַ פאַר־גרויטער און שטומער געגנט, ווי מיט שפינוועבס אַ פאַרפלאָכטענע מיט וועגן, וועגן, וועגן...

וועגן — רעכטס, און וועגן — לינקס, און וועגן אין דער ווייטער, שטומער ווייט...

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון די וועגן.

האָט אימיצער פון אונז שוין דרייסט געזאָגט:

— ס'איז ניטאָ קיין היים!...

און ווי אַן עכאָ האָבן מיר געענטפערט:

— ס'איז ניטאָ קיין היים!

און די עכאָ האָט צוטראָגן איבער די ווייטקייטן און וועגן דעם טויטן יאָמער אונזערן:

— עס איז ניטאָ קיין היים!... עס איז ניטאָ קיין היים!...

און שטומע זיינען מיר געבליבן שטיין ביי דעם אָנהויב פון די וועגן, און געקוקט מיט שטאַרע אויגן, ווי עס דרייען זיך און

שלענגלען זיך די וועגן, ווי זיי ציען, ציען אין דער ווייטער ווייטער ווייט...

האָבן מיר פאַרשטאַנען:

עס האָבן ניט געוואוסט אָט יענע, וואָס זיינען הינטער אונז פאַרבליבן, אַז עס איז ניטאָ קיין היים פאַר דעם, וואָס האָט איינמאָל אָנגעגאַרטלט זיינע לענדן, אויף די פּלייצעס אָנגעטאָן אַ טאָרבע און אין די הענט דעם וואַנדער־שטאַק גענומען. און האָט ער נאָר דעם ערשטן טראָט געמאַכט אויף פרעמדע וועגן — זיינען שוין די ווענט פון דער היים אויף אייביק איינגעפאַלן, און אויף זייערע רואינען וועט שוין קיינמאָל מער ניט אויפגעבויט ווערן, — אַ היים.

וואוהין ער וועט ניט גיין, וועט ער זיין — אין וועג, און וואוהין ער וועט ניט קומען — וועט ער שטיין ביי דעם סוף און ביי דעם אָנהויב פון די וועגן.

ווייל עס איז ניטאָ קיין סוף צו יענע וועגן, וואו עס וואַנדערן די וואָגלער, און עס ניטאָ קיין היים פאַר יענע, וואָס האָבן איינמאָל זייער היים פאַרלאָרן. די היים איז שוין אויף אייביק חרוב...

זיינען מיר אויף אייביק שוין פאַרבליבן ביי דעם גרענעץ פון צוויי וועלטן — ביי דעם סוף און ביי דעם אָנהויב פון די וועגן. ניט געצויגן זיך אַהין, פון וואַנען מיר זיינען אַנגעקומען, און ניט געביינקט צו יענע וועגן, וואָס מיר האָבן אין אונזער וואַנדער וועגן באַטראַכטן, און נאָר, פאַרשטיינערטע, געבליבן ליגן אָן אַ פּנים און אָן שיינקייט, ניט ביינקנדיק און ניט זוכנדיק. אָן אויסדרוק — ווי דער וועכטער ביים טויער, שווייגנדיקע, גרויע...

דער וועק־זייגער

דערציילט מיר מיין חבר:

— איך האָב פיינט וועק־זייגערס. דער וועק־זייגער איז מיין שונא... איך אַרבעט שוין צוועלף יאָר אויף איין פּלאַץ, און בין געצוואונגען אויפצושטיין יעדן טאָג פיר אַזייגער אינדערפרי. צוועלף יאָר, און איך קען נאָך אַלץ ניט אויפשטיין אָן דעם וועק־זייגער...

ווען איך בין געווען אינגער, און דער זייגער פלעגט מיך אָנהויבן צו וועקן מיט זיין גרילצנדיקן, אימפּעטיקן קלינגען, פלעג איך, נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן, אויסזידלען אים מיט אַ פּאָר קללות — און ווידער אַמאָל אַריינפאַלן אין אַ זיסן פרימאָרגנדיקן שלאָף — ביז אימיצער פלעגט קומען און מיך מיט געוואַלד פאַנאַנדערוועקן...

אָבער איצט בין איך נערוועז. מיין אָטעם איז קורץ און דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ איז שנעל און קריינקלאַך. איך קען ניט פאַרטראָגן דעם קלאַנג פון מעש און אייזן איבער מיין קאָפּ אַ יעדן אינדערפרי. און ווען דער זייגער הויבט אָן צו קלינגען—דערשרעק איך זיך, שפּרינג אַויף, ווי אַ פאַרוואונדעטער, אויף מיין געלעגער, און פון שרעק הויבט אָן מיין האַרץ צו קלאַפּן און צו יאָמערן...

אַזוי יעדן פרימאָרגן — פיר אַזייגער. ווי עס קומט נאָר אָן די מינוט — צושרייט ער זיך און צורייסט, ווי אַ בייזער ווינט, מיינע נאַכטיקע חלומות און, ווי אַ תליון, כאַפּט ער מיך אָן פאַר'ן קאַלנער און שלעפּט מיך אַוועק פון מיין היים, פון מיין ווייב און קינד...

אפטמאל, זעץ איך זיך אוועק אויף א ווײלע אויף מײן גע־לעגער, קוק זיך ארום אויף די שלאפנדיקע ארום — אויף דער פרוי און אויף די קינדער — און וואונדער זיך אויף זײער רואיקן שלאף, אויף זײער גלײכן אטעמען. זײ שלאפן, און הערן ניט דעם וועקן פונ׳ם זײגער, פונקט ווי די קלאנגען וואלטן נאר מײן אויער גרײכן, פונקט ווי דאס חוצפה׳דיקע לקינגען וואלט נאר צוליב מיר אלײן באשאפן געווארן...

איך שטײ אויף אויף זײן באפעל, טו זיך אן און לאז זיך גײן — יעדן אינדערפרי... איך פאלג אים אויס, ווי א שקלאף, פאלג איך אויס...

פאסירט אבער אויך, אז איך הויב אן צו קעמפן מיט מײן שונא. עס טרעפט, אז איך קען ניט פארטראגן זײן חוצפה׳דיקן וועקן — כאפ איך. אים אן מיט מײנע ציטערדיקע הענט, און דריק מיט אלע כחות צו זײן דעקל, דריק און דריק... הויבט דער זײ־גער אן פארשטיקט און טעמפ צו שרײען און צו רײסן זיך פון אונטער מײנע פינגער מיט א כארכלען, מיט א זשיפען פון א צו־געדריקטער שלאנג — און איך לאז ניט אפ. און מיר דוכט זיך, אז איך ווערג און שטיק דעם האלז פון מײן שונא, און אז מײנע פינגער וועלן שוין צום לעצטן מאל דערשטיקן און דערווערגן זײן חוצפה׳דיקן קײכן איבער מײן פרישער וואונד, איבער מײן ארים לעבן...

אזוי יעדן אינדערפרי.

איך ווײס: ער וועט מיך באזיגן, דער זײגער.

ער וועט מיך באזיגן.

ל. כאַנוקאָוו

דער שונא

(פאַבריק־שטימונגען *)

. . . עס איז דריי אַ זייגער. די נאַכט איז לאַנג.

די מאַשינען רוישן, קלאַפּן, דרייען זיך מיט טויזנטער רעדער. און די רעדער, געטריבענע ווי פון אַן אומבאַוואוסטער קראַפט, לויפן, יעדע אין איר פאַרוים באַשטימטער ריכטונג, יעדע נאָך איר שטייגער, פאָלגט דעם ווילן און די געזעצן פון אימיצן וואָס הערשט מיט גרויס־מאַכט.

טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלאַך פינקלען דורך די לויפנדיקע טרייב־רימענס, טרייסלען זיך פון דעם קלאַפּן און געדרודער, און וואַרפן אַרום, אין דעם כאַאָס פון אייזן, פייערן און מענטשן, זייער ציטערדיקן שיין. אין דעם שיין אַנטקעגן הויבן זיך פון ברודנעם דיל און פון אַלע ווינקלען גאַנצע וואָלקנס שטויב און שטיקענ־דיקן רויך. ראַנגלט זיך דער שטויב מיט אַ יעדן שטראַל, פאַר־שפּרייט זיך, ווערט געדיכטער און פילט אָן די לופט, ווי מיט אַ נעפּל.

די מענטשן, אָנגעטאַנענע אין שמוציקע אַלטע טראַנטעס,

---

*) באַלדווין לאָקאָמאָטיוו־פאַבריקן, אין עדיסטאָן, אין די יאָרן 1917־1918.

מיט פארדויבערטע פנים׳ער, אזעלכע ענלאכע איינער צום אנדערן. באוועגן זיך, ווי שאטנס, אין דער האלב־טונקלקייט און זיינען אין זייער שווייגן ענלאך צו מענטשן פון אן אנדער, אומבאקאנטער וועלט.

ווער זיינען די מענטשן? און ווער האט זיי אהער צונויפגע־בראכט?

— ברידער מיינע, ליבע ברידער מיינע!

* * *

...מיר ארבעטן פון זעקס אזייגער אין אוונט ביז זעקס אזייגער אינדערפרי — צוועלף שעה.

צוועלף שעה הערט ניט אויף צו קלאפן אין מיין קאפ דער שווערער רעש.

צוועלף שעה הערט ניט אויף צו נאגן און צו צופן דאס הארץ א מאדנער ווייטיק.

צוועלף שעה פרעסן מיין קערפער שטיקנדיקע גאזן, שטויב און רויך.

צוועלף שעה שפילן שדים אויף די קראנקע נערוון, און עס מאטערט און עס רייצט דער שלאף, באלאגערט עקשנות׳דיק מיין מידן קערפער, און נעמט ארום מיט ווייכע ארעמס, און באהעפט צונויף די אויגן ווי מיט צארטע פינגער.

און צוועלף שעה שטייט איבער מיר אימיצער א מעכטיקער און וואכט איבער מיין יעדן ריר און קער.

צוועלף שעה. —

און עס דוכט זיך: אימיצער, וואס האט ניט קיין גרעניץ צו זיין שנאה, האט אונז אלעמען פארטריבן אהער, צושטעלט אונז

יעדן אויף זיין פּלאַץ — צו די מאַשינען, צו די פייערן און האַמערס, און מיר אַלע, ווי די רעדער, גירס און קלאַטשעס, פּאָלגן שטום און ערלאַך אוים זיין שטאַרקן ווילן, זיין אומ׳ברחמנות׳דיקן ווילן...

איך טראַכט: — ווער איז ער? — אַ גאָט? אַ שד?

ווער איז ער, אָט דער, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערן שטעמפּל אויף מיין ווילן, און דריקט פון מיר אַרוים דעם זאַפט פון לעבן, און שמירט די רעדער פון זיינע מאַשינען מיט מיין שווייס און בלוט?

ווער איז ער, אָט דער, וואָס רויבט ביי מיר אַוועק דעם טאָג און זונשיין, די זיסע רו און פרידן פון דער נאַכט און פאַרוואַנדלט אין רואינען די היים, מיין היים?

וואָלט איך וויסן ווער דאָס איז, און זען אים מיט מיינע אויגן, וואָלט איך אפשר אין מיין כעס פון אַ שקלאַף, אין מיין יאוש׳דיקן צאָרן, ווי אַ ווילדע חיה, אים פאַרצוקן, נקמה נעמען פאַר זיך און פאַר מיין פרוי און קינד, און פאַר אַלע פאַררעטעריש פאַרנאַרטע און איינגעשפּאַרטע אין די קאַזעמאַטן פון יאָד און פּינסטערניש, און מיין געשריי וואָלט ווי אַ קללה, די הימלען אויפגעציטערט:

— מערדער!... מערדער!...

און אויף מיין געשריי, ווי אויף אַ רוף, וואָלטן פון אַלע פינסטערע ווינקלען אַרוים די שקלאַפן, בויען זיך אין שוואַרצע רייען, ווי שווערע וואָלקנס אַנרוקן זיך אויף דעם שונא...

* * *

...אין מינוטן פון צער און צאָרן ציגרט זיך אַז מיין האַרץ

מיט שנאה צו מיין שונא, און ברענט און צינדט די בלוטן אין די אדערן, און רופט צו הייליקס און צו גרויסעס.

אין מינוטן פון צער און צארן... ניין, ניט פון מיין שווערן שיקזאל ווערט מיין צער געבארן און ניט פון מיינע ליידן פלאמט אויף מיין צארן. דאס איז דער צער און צארן פון מיין ברודער, וואס בויגט זיך אונטער דער שווערער לאסט, וואס דורות האבן אויף זיינע פלייצעס באטריגעריש ארויפגעשליידערט, און געהייסן טראגן אין שוויים און בלוט דורך טויזנטער יארן...

ער שטייט ביי דעם שמיד־האמער. זיין פנים איז בלייך און פינסטער ווי די נאכט, פארוויכערט און פארשמירט מיט שווארצן שוויים.

דער האמער קלאפט און קלאפט. יעדער קלאפ — א שטאס אין ברוסט. יעדער קלאפ — א וואונד אין הארצן.

עס ברענט אין קאפ מיר אן אנגעגליטער אייזן: גאט! נאך הונדערט קלעפ. נאך טויזנט קלעפ — און ער וועט פאלן.

ווי זאל איך אים העלפן?

די נאכט איז לאנג. ציט זיך, ציט זיך אן א סוף און ציט ארויס פון ברוסט דאס לעצטע ביסל כחות...

* * *

...איינער רוימט מיר איין א סוד אין אויער:

— דו ווייסט? אין דער אייזנגיסעריי האט דער „פארמאן“ צובלוטיקט דזשימין און האט אים נאך „געפייערט“...

— „געפייערט“?

— אוועקגעשיקט א צובלוטיקטן אהיים... וואס דען, ער

וועט ניט אוועקשיקן? ... א פאַמיליע־מאַן, צום שווארצן יאר!...

— פאַרוואָס?

— איך פרעג דיך: פאַרוואָס? — ער האָט שוין געפונען א פאַרוואָס...

— און קיינער האָט זיך ניט איינגעשטעלט?

— נו, ווער וועט עס איינשטעלן זיין דזשאב...

איך טראַכט: שקלאַפן!... פאַרוואָס האָבן זיי אַט דעם „פאָרמאַן" ניט אריינגעשליידערט, א לעבעדיקן, אין דעם טאָפּ מיט צעשמאָלצענעם אייזן? איין אויגנבליק וואָלט עס געדויערט. א טויזנטל פון א רגע — און ס'וואָלט פאַרשוואונדן א טיראַן. איין סעקונדע — און די רויטע מאַסע וואָלט אים ווי אַן איינציק אטאָמל פאַרשלונגען און פאַרוואַנדלט אים אין גארניט...

איך גיי צו דער אייזנגיסעריי. הונדערטע מענטשן דרייען זיך ארום די אָנגעגליטע אויוונס. גיסן אַן די פורעמס מיט דער רויטער פליסיקייט.

טויזנטער געפאַרן לויערן אויף זייער לעבן. יעדער רגע ווערן זיי געשטרויבלט און באַשפּריצט מיט פייער.

אלע שווייגן שווער און טראָגן אין זייער שווייגן א געהיימ־ניס, א שווערע, ווי זייער שווייגן. די אויגן קוקן שטום און בייז. איך זאָג צו איינעם:

— דזשימין האָט מען אוועקגעשיקט...

ער ענטפערט ניט, און לאָזט אראָפּ זיין בליק. אזוי ווי ער אליין וואָלט שולדיק געווען אין דזשימים אומגליק.

אין א ווײַלע ארום זאָגט ער:

— צוועלף יאָר דאָ אָפּגעאַרבעט... צוויי פינגער אויף דער לינקער האַנט פאַרלאָרן — און איצט...

ער קען ניט ענדיקן וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. אָפּגעוואָרט אַ ווײַלע, און ווידער אָנגעהויבן:

— אַ גוטער מענטש און אַ גוטער אַרבעטער... שווערע צייטן פאַר אַ מענטשן איצט צו זוכן אַרבעט. און פאַרוואָס?...

מיר שטייען שווײַגנדיקע. עס קלעמט דאָס האַרץ. עס ווילט זיך צודריקן דעם מענטשן צו מײַן בריסט פאַר זײַן מענטשלעכער נשמה און זאָגן:

— ברודער מײַנער. אומגליקלעכער, פאַרשאָלטענער. פון דורות אָפּגענאַרטער, ברודער מײַנער. דו האָסט מיט דײַן גוטן וואָרט, מיט דײַן מענטשלעך האַרץ פאַרזייט דעם זאָמען פון גע־רעכטע דורות, פון מענטשלעכקייט און ליבע...

* * *

...דער אַלטער פיט זיצט, אַזוי ווי שטענדיק, אויף דעם זעלבן פּלאַץ און קײַט דעם טאַבאַק מיט זײַן צײנלאָז מויל. זײַן לינקע האַנט ליגט מאַכטלאָז אויף דער קני, און אַנשטאָט דער רעכטער — אַ ליידיקער, מיט אַ שטריקל פאַרבונדענער אַרבל.

אַזוי האָב איך אים געזען נעכטן, מיט אַ חודש צוריק און פאַראַיאָרן.

עס דוכט זיך: דער מענטש איז דאָ געבאָרן געוואָרן, ביים טויער פון פאַבריק, אַן אַ האַנט, אַ שווײַגנדיקער, אַן אַלטער, אַ פאַרוויקלטער אין אַלטע שמאַטעס — און נאַכט נאָך נאַכט, און יאָר נאָך יאָר האָבן זיך געצויגן פאַרביי אים און האָבן אים גאָר ניט געענדערט, און ניט באַרירט און געלאָזן רואיק זיצן אויף זײַן

פּלאַץ אַז אומפאַרשטענדלאַכן אין זיין פאַרשלאָסנקייט און אַ געהיימען אין זיין רואיקייט פון אַ חיה, וואָס רירט זיך ניט פון אָרט און הערט ניט אויף צו קייען, קייען, קייען...

וואָס טראַכט ער? וואָס פילט ער, אַט דער אַלטער שקלאַף, זיצנדיק די גאַנצע נאַכט, ווי אַ געטרייער הונט ביים טויער?

איך גיי צו צו אים:

— פון וואָס טראַכסטו, פּיט?

לאַנגזאַם הויבט ער אויף אויף מיר זיינע גרויע אויסגעלאַשענע אויגן, קוקט מיך אַן גלייכגילטיק ווי אַן אַלטער הונט, און ענטפערט ביין:

— פון וואָס איך טראַכט? — פון גאָר ניט, טראַכט איך. איך טראַכט ניט!...

— אַט זיצסטו איינער אַליין ביים טויער אַ גאַנצע נאַכט... נאָט מיינער, פון וואָס קען אַ מענטשנס קאָפּ ניט איבערטראַכטן!

— נאַרישקייטן רעדסטו, נאַרישקייטן...

— מען איז דאָך אַ מענטש... דער קאָפּ רוט ניט... עס קומען געדאַנקען...

— געדאַנקען? וואָס זיינען געדאַנקען? כע!... גאָרניט!... מ'דאַרף ניט טראַכטן!...

— און דיין לעבן? דיין פאַרגאַנגענהייט? דו האָסט דאָך געהאַט אַ פאַרגאַנגענהייט, דו לעבסט דאָך...

— וואָס דאַרף איך? — אַן אַלטער מענטש דאַרף גאָרניט. די קאָמפּאַניע האָט מיר אַ דזשאָב געגעבן. אַ דאַנק גאָט...

עפּעס אַ בייזער נעפּיל ווערט געבאָרן צום אַלטן. קען דאָס זיין אַז אַלץ מענטשלאַכס איז אים פרעמד? איך זאָג:

— און די האנט? ... אט האסטו דאך די האנט פארלארן...

ער קוקט אויף מיר א ווײלע טעמפּ. נאכדעם זאגט ער:

— יא. די האנט...

דער אלטער ווענדט אפ זײן הינטישן בליק אן א זײט. ער שווײגט.. דער שווײגן איז גאר אן אנדערער. עס דוכט זיך: עפּעס מענטשלאכס האט גענומען קוועלן אין זײן פּנים.

איך קוק זיך אײן — און דערקען אין אים מײן ברודער, װע־מענס לײדן זײנע מײנע לײדן, װעמענס װײטיקן זײנען מײנע װײ־טיקן און װעמעס צער איז מײן צער...

זאג איך פאר זיך:

ברודער מײנער, פארשאלטענער ברודער מײנער. מיר װעלן נעמען נקמה פאר דיר. מיר װעלן נעמען נקמה פון אונזער שונא. א בלוטיקע נקמה.

דער אלטער זיצט װידער א פארזונקענער אין שװײגן און קײט און קײט.

— פיט, מיר װעלן נעמען נקמה.

פיט הערט ניט.

איך גײ אװעק...

דורך ליכטיקייט און דורך פינסטערקייט

דו ביסט דאָ. מיט מיר.

אַלע מיינע וועגן — די אָפענע און די פאַרבאָרגענע — פירן מיך צו דיר. וואוהין איך גיי און וואוהין איך קום — קום איך נאָר צו דיר. יעדער טראָט מיינער איז אַ טראָט צו דיר. צו דיר.

דורך דיין ליכטיקייט און דורך דיין פינסטערקייט צי איך זיך צו דיר.

דורך דיין ליכטיקייט און דורך פינסטערקייט וועל איך זיך שטעלן פאַר דיין פנים.

איך וועל קומען צו דיר, ווי אַ קינד צו זיין פאָטער — ווייל איך בין דיין מאַרמאָר און דיין ליים, אָ, אַלמעכטיקער!

קנעטסט די פאָרמען פון מיין לעבן. האַקסט אויס די שטריכן אויף מיין פנים, לייגסט אויס קנייטשן אויף מיין נשמה, באַשטימסט מיינע וועגן און צילן, פאַרהאַלטסט און לאָזט פריי מיינע אימפּעטן.

גיסט מיר לעבן. מיין לעבן — דיין לעבן. גיסט מיר מיין פנים — דיין פנים. די קנייטשן אויף מיין נשמה זיינען פון דיין אייביקער דערפאַרונג. און דערפאַר: אַז דו לאַכסט — קייך איך פון אַ ווילדן געלעכטער. און אַז דו וויינסט — וויין איך אַן אנגסטיקן יאָמער.

אין די זוניקע פרימאָרגנס, ווען דיין פנים איז ליכטיק מיט

דעם ליכט פון דער וועלט און עס שמייכלט פון דיר אראפ די פרייד פון גרויסער לייטזעליקייט — שפילט אין מיינע אויגן דיין ליכטיקייט, לייכט אין מיינע אויגן דיין פרייד, און איך באהעפט זיך מיט דיר דורך מיין ליכטיקייט.

מיין פנים — איז דיין פנים. אין פארנאכטן, ווען דיין פנים ווערט פארצויגן מיט אן אומעט־שלייער און פון דיינע אלטע ברעמען הענגט אראפ דער טרויער פון דער וועלט —, א, דאן קען איך ניט אריבערטראגן דיין שווערע בענקשאפט. פאל איך פאר דיין שווערן פנים, א ציטערדיקער, און בעט זיך ביי דיר:

א, נעם מיך צו צו זיך, מיין שאפער. פארנעם מיך אין דיין טרויער. פארנעם מיך אין דיין גרויסער בענקשאפט. לאז מיך ניט אליין. נעם פון מיר צוריק דיין גאב — מיין לעבן. נעם אין האנט דיין שווערן האמער, און צעשטער דיין שאפונג. און זאל דאס מארמאר — ווערן מארמאר, און זאל דאס ליים — צוריק צו ליים זיך אומקערן...

דורך ליכטיקייט און פינסטערקייט קום איך צו דיר, א אל־מעכטיקער.

אַ פֿאַמיליען-קריג

עס איז געווען אָוונטלאַד, נאָך איידער מ׳האָט צייט געהאַט אָנצוצינדן ליכט. ס׳איז שוין אָבער געווען גאַנץ פֿינסטער, און קיינעם איז עפּעס ניט איינגעפֿאַלן צוצוגיין און אָנצינדן ליכט.

עס איז געווען שטיל און רואיק. אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן דעם קלענסטן שאָרך אָדער באַוועגונג. עס האָט זיך גע־דוכט, אַז מ׳הערט דאָס קלאַפּן פֿון אַ יעדערנס האַרצן.

אַלע, וואָס זיינען געווען אין צימער האָבן מיט אַ שרעק אין האַרצן געפֿילט די שטילקייט, מורא געהאַט, פּונקט ווי אין דער שטילקייט וואָלט געלעבט פֿאַרבאָרגן אַ געהיימניס, וואָס וועט פּלוצלינג באַווייזן איר צורה, וועט אַלעמען איבעראַשן און דערשרעקן, און עס וועט געבוירן ווערן אַזוינס, וואָס האָט קיין נאָמען און קיין זין ניט, נאָר וואָס מוז געבוירן ווערן און דערשרעקן.

אין דער שטילקייט, אין די פֿינסטערע ווינקלען האָבן זיך שוין אין פֿאַרצווייפֿלונג געראַנגלט אונזערע געמיטער, האָבן זיך געראַנגלט אויף טויט און אויף לעבן.

נאָכדעם האָט אין דער שטילקייט פֿון צימער עפּעס ווי אַ ציטער געטאָן. עפּעס האָט זיך קראַמפּהאַפּט אַ טרייסל געטאָן, אַזוי ווי דאָס, וואָס איז שוין פֿון ווער ווייס ווי לאַנג, טויט, וואָלט פּלוצלונג זיך אויפֿגעכאַפּט און וואָלט אָנגעהויבן לעבן.

און אַלע האָבן פאַרשטאַנען און דערפילט, אַז דאָס, פאַר וואָס מען האָט זיך אַזוי געשראָקן איז ענדלאַך געבוירן געוואָרן.

עס האָט געשטיקט דער אָטעם. די הענט האָבן געציטערט און דאָס הארץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

און מיט אַמאָל האָבן זיך אַלע גענומען באַוועגן, שרייען און ליאַרעמען. די לופט האָט זיך אַ באַוועג געטאָן... מען האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן, באַהערשן און איינשטילן דאָס חיה׳־שע, וואָס עס האָט אויפגעהערט צו רוען.

די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, געשאָסן פייער־פונ־קען. די ווערטער זיינען געווען שאַרפע, בייסנדיקע, אָנגעפילט מיט סם און האָבן געהאַט איין זין, איין ציל — מאַכן ביטערער, מאַכן פינסטערער, כאָטש אויף איין מינוט, אויף אַ רגע יענעמ׳ס לעבן, ביז די שטימען זיינען געוואָרען, ווי לעבעדיקע באַשעפעניש, האָבן זיך גענומען שלאָגן אין דער לופטן, אָנגעהויבן זיך בייסן און רייסן, פלעכטן זיך אין שמייסנדיקע בייטשן...

און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט פאַרקומען עפּעס שרעק־לאַכס, וועט פאַלן, ווי אַ שווערע משא אויפ׳ן מענטשנס האַרצן, וועט דריקען און נאָגן דאָס גאַנצן לעבן, און עס וועט ניט געפינען דער מענטש קיין רו און קיין אויסוועג...

און באַלד איז ווידער שטיל געוואָרן... אימיצער איז אַרויס פון צימער. אימיצער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ פינסטערן ווינקל, אימיצער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, אונטערשפאַרנדיק דעם קאָפּ מיט ציטערדיקע הענט און האָט געשוויגן...

אַלץ האָט איצט ווידער געשוויגן. נאָר איינער האָט מיט אויפ־

גערעגטע טריט ארומגעשפּאַנט איבער'ן צימער. דאָס איז אפשר געווען דער, וואָס האָט ווייניקער געליטן...

מען האָט געשוויגן. עס האָט זיך ניט געוואָלט, אַז ווער ניט איז זאָל רעדן, ווער ניט איז זאָל אַ הוסט טאָן, אָדער אפילו אַ קרעכץ טאָן. יעדער קלאַנג וואָלט געביסן דעם מענטשנ'ס האַרץ.

מען האָט זיך געשעמט פאַר די אייגענע שטימען, און עס איז געווען פאַרדריסלאַך, וואָס דער זייגער האָט פאַר'עקשנ'ט אָפּגע־קלאַפּט זיין מאָנאָטאָנעם — טיק־טאַק...

דאָס האַרץ האָט גענאָגט, גענאָגט...

אין שטיינערנע ווענט

...קום, זעץ זיך לעבן מיר. הער מיך אויס. ווי צו אַ נאָענטן וועל איך צו דיר ריידן, ווי צו אַ ברודער.

דו זעסט ווי עס ציטערן מיינע הענט? דו הערסט ווי עס קלאַפּט מיין האַרץ? — דאָס איז פון שרעק, פון גרויסן אומענדלאַכן שרעק. מיין האַרץ איז דערשראָקן. מיין האַרץ ציטערט און צאַפּלט זיך — אַזוי שווער איז מיר איצט צו עפענען דעם טויזנטיאָריקן סוד, צו עפענען די קוואַלן פון מיינע אנטוישונגס־טרערן.

זעץ זיך נעענטער. הער מיך אויס. קיינער, אחוץ דיר, טאָר עס ניט הערן, און פאַרנעמען און וויסן. איך וועל דיר אַלץ פאַרטרויען.

טו אַ קוק אין פענסטער. זעסט די שטאָט? מויערן, מויערן, מויערן, קאַלאַנאַדן און שפּיצן פון קירכן. און טעמפּלען מיט ברייטע, ריזיקע פאַרטאַלן. שטיין, גראַניט און שטאָל. און פייערן, ווי זונען, טוען אַן די שטאָט אין ליכטיקע קאַלירן, און פייערן פון מיליאָנען

פענסטער שפּיזן דורך די נאַכט מיט טייוואַלישע בליקן, — דאָס האָב איך דערהויבן איבער בערג און טאָלן!... (אָ, שטאָט מיינע, קינד פון מיין אומרואיק זוכן. אָט שטיי איך, אַ קליינער, פאַר דיין גרויסקייט, און קען ניט פאַרשטיין דעם זין פון דיין לעבן, און קען ניט באַגרייפן דעם סוד פון דיין זיין. אָט שטיי איך פאַר דיר, דיין באַשאַפער, און בין דערשראָקן פאַר דיין אומפאַרשטענדלאַכקייט!...)

נעם מיין האַנט אין דיינער. איך וויל פילן דיין נאָענטקייט. איך האָב מורא... דאָס איז געווען לאַנג, זייער לאַנג. ווער ווייס וויפיל טויזנטער יאָרן עס זיינען פון דאַן פאַריבער? אין אַ רגע פון פאַרצווייפלונג און צאָרן, ווען איך בין נאָך אַ שקלאַף געווען, און די שאַרפע בייטש פון שונא האָט אומדערבאַרעמדיק מיין לייב געשניטן. האָב איך אין מיינע פאַרבאָרגענע דמיונות איר געבוירט פאַרטראַכט. דאָס האָב איך פון אַ שקלאַף געוואָלט אַ גאָט ווערן. פאַרשטייסט? — פון אַ שקלאַף אַ גאָט!...

קיינער האָט פון דעם דאַן ניט געוואוסט. אפילו גאָט אַליין האָט ניט פאַרדעכטיקט, און האָט פאַרגעסן אַריינצוקוקן אין די פאַרבאָרגענע טיפקייטן פון מיין מאָרד — האָב איך אים אָפּגענאַרט...

איך האָב חוצפה׳דיק געלאַכט איבער זיין צוטרוי צו מיר, און אים גענאַרט, און אים פאַרראַטן, און פון אַ שקלאַף אַ גאָט געוואָרן...

אָ. איך געדיינק ווי דאָס איז געווען!

איך געדיינק: עס איז געווען אַ פינסטערע נאַכט. אַ קאַלטע

דיקע פינסטערניש האָט ניט צוגעלאָזן דעם שיין פון די ווייטע שטערן צו דער ערד, האָט פינסטער געמאַכט די נשמה מיט איר חושך, און געלייגט זיך ווי אַ שטיין אויף מיין האַרצן. (אַך, ווער ווייס די שווערקייט פון אַ שקלאַפס האַרץ, ווער ווייס די פינסטערניש פון זיין נשמה?) איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער מיט אָפּענע אויגן צום פינסטערן הימל, און געווען אַליין אַ פינסטערער, ווי די נאַכט, אַ שווערעביינקשאַפט האָט אין ערגעץ גערופן, צו ווייטע וועגן, צו טיפע מדבריות. נאָך ווייטע הימלען האָט געקלעמט דאָס האַרץ, נאָך פרייהייט.

בין איך שטיל אַוועק אין טיפקייט פון דער נאַכט, און געלאָזט זיך אָן אַ ציל, וואוהין עס האָט געבענקט דאָס האַרץ. טעג און נעכט בין איך געגאַנגען. וואו געטאָגט — דאָרט ניט גענעכטיקט. און אַז מיינע פיס זיינען שוין געווען צעבלוטיקט און מיין אָטעם — קורץ, און קיין כחות זיינען ניט געווען צו שלעפּן זיך אין ווייטן מדבר, האָב איך זיך געלאָזן פויזן איבער הייסע זאַמדן. אין ניט געוואָלט זיך אומקערן צוריק, צו די גרעניצן פון מיין הערשער, צו מיין שונא. געוואָלט בעסער שטאַרבן אין מדבר, ווי מיינע ברידער־שקלאַפן זיינען אויסגעגאַנגען.

און פּלוצלונג האָט עפּעס צונויפגעדריקט מיין גאַרגל און האָט מיך, אַ שוואַכן, געוואָרפן צו דער ערד. איבער מיר איז געשטאַנען דער מדבר. איבער מיר האָט געפלאַקערט אַ ברענענדיקע זון, און אין מיר איז געווען פינסטער. נאָר מיין צונג איז געווען גיפטיקער פון אַ שלאַנג. נאָר מיין צונג האָט געוואָרפן בייזע קללות צו די הימלען און ניט געוואָלט אַנשווייגן ווערן.

נאָכדעם איז אָנגעקומען די נאַכט. איך האָב נאָך געלעבט,

עס האָבן נאָך געלעבט די בלומן. עס האָט נאָך געלעבט דאָס האַרץ. עס האָט געברענט דער מאַרד, און מיט זיין ליכט צעטריבן די שאָטנס פון טויט, וואָס האָבן געלויערט אויף מיין שוואַכן גוף.

און מיט אַמאָל האָב איך אים דערזען, דעם שונא! צום ערשטן מאָל האָב איך אים דערזען אין דער גאַנצער גרויס פון זיין געשטאַלט, ווי ער איז, אַ מורא׳דיקער, געשטאַנען אויף זיין פיעדעסטאַל און רעגירט, אַ שטיינערנער, איבער ערד און הימל, איבער מענטש און חיה.

אַ, דאָן האָט עס פאַסירט! איך האָב, ווי אַ גנב, אין דער פינסטערער נאַכט צוגעפויזעט צו זיין פיעדעסטאַל, און געפאַלן פאַר אים אויף מיינע ציטערנדיקע קני, און געבוקט זיך פאַר אים, און געקושט אין שקלאַפישן עקסטאַז די שטיינער ביי זיין צו־פוסנס. איך האָב געפילט: עס ווערט מיר לייכטער. נייע כחות הייבן אָן צו שטראָמען אין מיינע גלידער.

און ערשט שפּעטער האָב איך, אפשר גאָר צופעליק, באַמערקט די קליינע שטיינדלאַך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צופוסנס פון זיין פיעדעסטאַל. קליינע נישטיקע שטיינדעלאַך. עס האָט מיך עפּעס אַ צי געטאָן צו זיינע שטיינדעלאַך. איך האָב גענומען איי־נעם אין מיינע הענט, אַ צווייטן, און אָנגעהויבן שפּילן זיך מיט זיי, געקושט זיי, געדריקט צום האַרצן, געדרייט זיך אַרום זיי, ווי אַ שלאַנג, געמאַכט קונצן, ווי אַן אַף, אומשפּרינגנדיק אויף אַלע פיר, אין יעדער רגע, פון אונטן אַרויף, מיין שקלאַפּישן בליק געוואָרפן אויף זיין פנים, אויף זיין קאַלטן, שטיינערנעם, געהיימניס־פולן פנים...

דאָס האָב איך געוואָלט וויסן: זיין אָדער ניט זיין!...

און נאָכדעם האָב איך עפּעס גאָר אַזוי־זיך, כלומרשט אַז אַ זייט, געזאָגט, אַזוי ווי איך וואָלט אַליין פון זיך, פון דעם נאַרישן שקלאַף הוזק געמאַכט:

— אַ, אַלמעכטיקער, גיב מיר אַ שטיינדעלע... אַ קליינינקן שטיינדעלע... אַ מאַנטשינקן... נאָר איין שטיינדעלע וועל איך נעמען... האַ? ... איך וועל אים נעמען און באַהאַלטן אויף מיין ברוסט אַלס קמיע. און נאָכדעם וועל איך שטילערהייט אַוועק־גיין... האַ? ...

(דו האָסט באַדאַרפט זען ווי בויגיק עס איז געווען מיין רוקן, ווי הינטיש איך האָב אויסגעזען ביי זיינע פיס! ...)

אָבער אין ברוסט האָט געשטורעמט. דאָס האַרץ האָט פאַר־קלעמט געמאַטערט זיך אין אַנגסטיקער דערוואַרטונג: — אפשר וועט אַ דונער אַראָפּפאַלן פון הימל און צעשמעטערן מיין ליגנע־רישן מוח. אפשר וועט אַ בליץ פאַרברענען מיין חוצפה׳דיקן מאַרך — און דאַן (אַ, דו וועסט עס ניט פאַרשטיין!) האָב איך מיט די לעצטע כחות געפּרוּווט אַריינקוקן אין זיינע אויגן! ז י י ן אָ ד ע ר נ י ט ז י י ן! אָבער זיין ספינקסן־פּנים האָט גרויסמוטיק געשמייכלט איבער מיין שקלאַפישן קאַפּריז, אַזוי נאַ־ריש, קליין און נישטיק האָב איך אין ז י י נ ע אויגן אויסגעזען...

נ י י ן. ע ר ה אָ ט נ י ט פ אַ ר ד ע כ ט י ק ט. נ י י ן. נ י י ן! ...

האָב איך שטילערהייט גענומען איינעם פון זיינע שטיינדע־לאַך און באַהאַלטן אין די פאַלדן פון מיינע קליידער — און אַלץ נעקוקט פון אונטן אַרויף, צו ז י י ן קאַלטן פּנים.

זיין פּנים איז איצט געווען קאַלט און שטרענג, און די אויגן האָבן אומבאַשטימט געקוקט, ווי אייביק, ערגעץ ווייט אַריבער מיר.

בין איך געוואָרן בייז און גיפטיק, ווי אַ שלאַנג, ווען אַ שוועדער שטעקן שלאָגט זי איבער׳ן קאָפּ, און (אָ, דו וועסט ניט גלויבן!) געכאַפּט אין מיינע ציטערדיקע פינגער נאָך אַ שטיינדל, און נאָך, און נאָך — און מיינע שטעכעדיקע אויגן האָבן ניט אויפגעהערט צו קוקן אין ז י י ן פּנים, אין ז י י נ ע אויגן, וואָס זיינען געווען אי קאַלט, אי שווייגנדיק, אי געהיים.

מיין האַרץ האָט זיך אין מיר געשראָקן, די הענט האָבן זיך געקראַמפּט אין קאָנוואולסיעס און אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט מיין לייב. מיר האָט זיך געדאַכט, ניט ע ר אַליין איז איבער מיר געשטאַנען אין דער גרויס פון זיין געשטאַלט, אַ מעכטיקער און אַ צאָרנדיקער, נאָר אין אַלע עקן פון דער וועלט האָבן זיך צעשטעלט אַזוינע גרויסע, מעכטיקע און צאָרנדיקע, ווי ע ר, האָבן זיך דערהויבן אַזוינע שווערע און געהיימניספולע. עס איז שוין ניט געווען וואוהין צו לויפן.

אָבער איך האָב אויסגעהאַלטן!

מיט פאַרקריצטע ציין, אין לעצטן שקלאַפּישן שרעק בין איך אַוועק פון א י ם — און אים אָפּגענאַרט.

און נאָכדעם איז שוין יעדע נאַכט געווען אַזוי. יעדע נאַכט אַזוי — ביז דעם לעצטן שטיינדל, וואָס האָט זיך נאָר געפונען אַרום זיין פּיעדעסטאַל.

און שפּעטער איז שוין ניט געווען קיין גרעניץ צו מיין חוצפּה. דאָס איז געווען אין זייער אַ פינסטערע נאַכט — האָב איך זיך אונטערגעגראָבן א ו נ ט ע ר א י ם און צוגענומען דער ערשטן שטיין, אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן. און שפּעטער — דעם צווייטן און דעם דריטן — און אַזוי טויזנטער יאָרן געשלעפּט פון אונטער אים די שטיינער, און געבויט מיין אייגענע געביידע — ד י ש ט אָ ט!

אין יעדן שטיין א טייל פון מיין נשמה אריינגעלייגט, און מיט בלוט באפטרבט די הויכע קאלאנאדן.

איך האב געבויט — און אין מיין מוח האט געברענט: איך וועל מיין גאט באזיגן, און צעשטערן זיין געצעלט, און אויף זיינע רואינען אויפבויען מיין גרויסן פאלאץ, און א גאט ווערן!

פון א שקלאף א גאט!

איך האב געלייגט א שטיין — און געטראכט:

— דאס בוי איך א ליכטיק פאלאץ, א פאלאץ פון אייביקער הערשאפט פאר די ברידער־שקלאפן און פאר זיך.

איך האב געלייגט שטיין — און געטראכט:

— א מעכטיקער, וועל איך הערשן איבער ערד און הימל, אי־בער בארג און טאל.

אבער דער לעצטער שטיין איז נאך ניט געווען אוועקגענומען. האב איך דעם לעצטן שטיין אוועקגענומען. דעם לעצטן שטיין...

דו וועסט ניט גלויבן, ווי מיין שקלאפישער מארך האט עס דאן ניט געקענט פארנעמען, דאס הארץ האט זיך געשראקן און גע־קלעמט — דאס איז דאך געווען זיין לעצטער אנשפאר! — אבער דעם שטיין פון אונטער אים האב איך דאך צוגענומען, און נאך מיט חוצפהדיקע אויגן צוגעקוקט, ווי ער האט זיך א שאקל געטאן, געגומען זינקען, און איז שווער געפאלן צו מיינע פיס...

מיין פרייד איז געווען גרויס. מיין זיג — פולקאמען. איך בין אוועק שפאצירן איבער מיינע גאסן, איבער מיינע טראטוארן, גע־הייסן צינדן אילומינאציעס אויף יעדן ראג, געהייסן פייערן מיין זיג מיט יובל און מיט פרייד, געהייסן טאנצן אויף די גאסן. לאנגע

וואכן האט געדויערט דער יום־טוב. ער האט ניט געוואלט אויפהערן, דער יום־טוב פון די שקלאפן. ער האט זיך געוואלט ציען טויזנטער יארן, אזוי לאנג, ווי עס האט געדויערט די פארשקלאפונג — ביז דער יום־טוב איז שוין ניט געווען קיין יום־טוב: ס׳איז עפעס פון זיך אליין געשטארבן ביי זיי די פרייד, און, א טויטע, געבליבן ליגן אויף די קאלטע שטיינער פון דער שטאט.

טו א קוק אויף דער שטאט, א, טו א קוק! דו זעסט? — שטיינער. שטיין אויף שטיין. קאלטע הארטע טויטע שטיינער, פאר־גארטלטע, פארבונדענע מיט שטאל און אייזן, פארגליווערטע אין אייביקן טויט.

אלץ לעבט מיט איין־איינציקן לעבן. אלץ ציטערט און צאפלט זיך אין איין־איינציקן געגנום — צו לעבן: די ביימער, די גראזן, די בלומען. אפילו די ערד.

לייג צו דיין אויער צו דער ערד, הער זיך איין אין איר אטע־מען, הער זיך איין אין דעם קלאפן פון איר הארץ — וועסטו הערן דעם הארמאנישן געזאנג פון אירע בלוטן, וואס גיבן די בלומען און גראזן און ביימער און מענטשן — דאס לעבן. אבער דער שטיין איז טויט. ניטא קיין בלוטן אין די פארגליווערטע אדערן. ניטא קיין לעבן. לייג צו דיין אויער צו די קאלטע שטיינער, הער זיך איין: ניטא קיין הארץ אין א שטיין.

ווער טאנצט אין שטאט? ווער איז פריילאך אין שטאט? ווער לאכט? — דאס טאנצט און פרייט זיך און לאכט דער גרויסער אומענדלאכער צער פון די אלט־אלטע שקלאפן, וואס האבן אין שטיינערנע ווענט זייער אנבליק פארלוירן. אז זיי פרייען זיך, טאנצן זיי, ווי וואנזיניקע, ארום זייער פרייד, וואס איז טויט.

אך, איך קען ניט פארטראגן דעם גרויען צער, וואס הענגט

איבער דער שטאט. איך קען ניט פארטראגן דעם אומפארמיידלאכן שיקזאל וואס הענגט איבער איר לעבן.

און אז איך האב עס צום ערשטן מאל דערפילט, האב איך פארשטאנען, אז איך אליין בין אפגענארט, אז איך אליין האב זיך באזיגט. א דערשראקענער, א פארלארענער אין טויזנט לאבירינטן, בין איך פרבליבן אן איינזאמער צווישן מיליאנען בלאנדזשען אין די איינגקייט פון די גאסן פון מיין שטאט. א שרעק האט מיך ארומ־געכאפט: וואו איז מיין געצעלט? מיליאנען שטיגן פירן ערגעץ — און ניט איינע — צו מיין געצעלט. מיליאנען ווענט — און ניט איינע פאר מיין געצעלט.

בין איך דאן צום ערשטן מאל געפאלן אויף די שטיינער און באקלאגט מיין שיקזאל אויף דער ערד, און צום ערשטן מאל פאר־שאלטן מיין אומרואיקן מארד, און צום ערשטן מאל האב איך דער־פילט די מורא אן א האר! ...

ווייסטו וואס דאס איז: מורא האבן, ציטערן פאר שרעק מיט אלע אברים, און ניט האבן צו וועמן אויסצושטרעקן אין געבעט די פארבראכענע הענט, און ניט האבן פאר וועמען צו קניען, און בוקן זיך, און תפילה טאן און וויינען, און וויינען? ... ווייסטו וואס דאס איז, בלאנדזשען אין אן אייגענער געביידע, ניט געפינענדיק קיין רו און קיין אויסוועג? איך האב געבויט א ליכטיקן פאלאץ — איז ער געווארן מיין תפיסה. איך אליין, דער בויער און באשאפער, בין איינגעשפארט אין ענגע קעמערלאך, אן לופט און זונשיין, אן בלומען און גראזן. אלע וועגן זיינען פאר מיר פארבאטן, און אויף מיין הויקערדיקן רוקן טראג איך די געזעצן פון מיין שטאט ... מיט אירע הימל־הויכע טורעמס האט זי פון מיר פארשטעלט דעם

בלויען הימל, הויכע בערג און פרייע פעלדער — און מיך געלאָזן אויסגיין אין ענגשאַפטן פון די גאַסן.

און זע, וואָס ס׳איז געוואָרן: ווי אין שפּינוועבס איז אַרומגעוועבט די וועלט מיט שטאָל און אייזן. וואו דו זאָלסט ניט גיין — וועסטו אָן די שטיינער געשטרויכלט ווערן, און וואו דו זאָלסט ניט זיין — וועסטו אין די שטיינערנע ווענט זיין געפאַנגען, און אויף די פּייערן פון דער שטאָט, ווי אַ שמעטערלינג, פאַרברענט ווערן.

און זע וואָס ס׳איז געוואָרן מיט די מענטשן: ערשט נעכטן האָבן זיי געשריען: גאָט! איך האָב מיט מיינע אייגענע הענט פאַר זיי אַ מחנה געטער אויפגעבויט, און צעשטעלט אויף יעדן ראָג: — בוקט זיך! — און זיי האָבן זיך געבוקט, און געבראַכט קרבנות.

און איך האָב זיך געפרייט: איך האָב ניט געקענט אַ גאָט ווערן — האָב איך מיט מיינע אייגענע הענט אַ גאָט באַשאַפן. און איצט יאָמערן זיי און קלאָגן פאַר מיינע געטער, גייען אויס פון בענקשאַפט און פּיין נאָך אַביסל פרייהייט און איך קען שוין זייער צער ניט זען.

(אָ, גיב מיר דיין האַנט. איך האָב מורא! ...)

היינט האָב איך געזען, ווי גרעזעלאַך האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון די שפּאַלטן פון אַ שטיין און געשטאַנען אויף די דינע מאָגערע שטאַנגעלאַך אָרים און דערשלאָגן. יעדע רגע האָט אומדערבאַרימדיק אויף זיי דער טויט געלויערט — האָב איך געטראַכט פון מיינע טעכטער, וואָס זיינען, ווי די שפּראָצונגען אויף די שטיינער, אויפגעוואַקסן — אָרימע און שוואַכע. איך האָב זיי געזען אין די טויזנטער, בלייכע און דערשראָקענע, איילנדיקע, אַזוינע אויסגעצערטע, מיט צוגעדאַרטע בריסט, דינע און שלאַנקע, ווי די שטאַנגלאַך פון יענע שפּראָצונגען, וואָס איך האָב אויף די שטיינער אָנגעטראָפן.

(אַך, עס האָט מיר פאַר זיי דאָס האַרץ געוויימיקט. און פון מיינע אויגן איז צום ערשטן מאָל אין לאַנגע דורות לעבן אַ טרער גע־פאַלן...)

לייג צו דיין האַנט צו מיין אויפגעפלאַמטן שטערן. עס איז מיר שווער צו זאָגן, וואָס איך זע אין די נעכט, אין די שלאָפלאָזע נעכט. לייג צו דיין אויער: אַלע נאַכט קומען זיי צו מיין געלעגער, פון די טרינק־הייזער, פון די הור־הייזער, בלייבע מיט דער בלייכקייט פון דעם טויט, קומען זיי טאַנצן דעם ווילדן קאַראַהאָד, דעם כאַ־אָטישן און גראָבן טאַנץ פון זנות און לעסטערונג. האָסט באַדאַרפט הערן זייערע רייד. האָסט באַדאַרפט זען ווי זייערע לייבער בויגן זיך אין קראַמפּ, ווי זיי שטרעקן צו מיר זייערע איינגעדאַרטע בריסט און שרייען:

— מיט די דאַרע בריסט וועלן מיר אַ דור דערהאָדעווען — אַ דור פון האַס און נקמה. מיט די ציינער וועט ער די שטאָלענע גערעדים פון דיין שטאָט אויפרייסן, מיט די בלויזע קעפּ צעשפּאַלטן דיינע שטיינערנע ווענט, און צעוואָרפן דיינע טורעמס, און צעשטערן אַלץ, וואָס דו האָסט דערהויבן, און די רואינען אויסגלייכן מיט דעם ווייטן הייסן מדבר!...

זעץ זיך נעענטער, לייג צו דיין האַנט צו מיין פלאַמנדיקן שטערן. מאַך צו די פענסטער און פאַרהיינג מיט שווערן טוך: איך קען ניט זען די שטאָט. איך קען ניט זען די שטאָט...